ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# די שטאט קראקא

בעיתון המחנה החרדי
אידיש

**610**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזרת השם יתברך

ספר

# די שטאט קראקא

דער תיקון פארן חטא פון
מכשיל זיין טויזנטער אידן
מיט נבילות וטריפות, דורך
דעם הייליגן צדיק קדוש
וטהור בעל "מגלה עמוקות".
רבי נתן נטע שפירא
זצוקללה"ה
אב"ד קראקא

נדפס בעיתון חיזוק הדת
"המחנה החרדי"
שנת תשמ"ג

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פאַסירונג

**די פאלגענדע פאסירונג איז פארגעקומען אין די יאהרן ווען דער הייליגער גאון און מקובל ר' נתן נטע שאפירא זצוק"ל דער מחבר פון דעם באוואוסטן ספר "מגלה עמוקות" וועלכער האט געלעבט אין די יאהרן שמ"ה—שצ"ג, און איז געווען מרא דאתרא פון די רעזידענץ שטאט אין גאליציע קראקא.**

אין די שטאט קראקא האט געלעבט א קצב וואס זיין ברודער האט יונגער־הייט פארלאזט די וועלט, איבערלאזנדיג א יונגן קינד א יתום וואס זיין מוטער איז שוין געשטארבן ביי זיין געבורט רח"ל. מיט זיין "גוטהערציגקייט" האט דער קצב בעשטאנען אריין נעמען דעם יתום צו זיך און איהם "ערציהען". אין דערהיים ביי זיך האט ער שוין פון א צייט פריהער "ערצויגן" א צווייטן יתום. די דאזיגע ערציהונג איז בעשטאנען פון איינשפאנען זיי אין די אלע שווערסטע ארבייט ביי זיך און נאך אלעס זיי נישט געבן קיין ברויט צו זעט און קיין מלבוש און שיך וואס זאהל זיי בעשיצן געהעריג פון די קעלט. אין קיין "חדר" האט ער זיי נישט געשיקט נאר שוין פון פאר־טאגס, פאר די זוהן האט אויפגעשיינט זענען זיי שוין געווען ביי די ארבייט אין יאטקע. ווען זיי האבן נאך געהאלטן אין בעסטן שלאף, אויף די קאלטע שטרוי און זיך געוואלט אויס רוהען זייערע אויס געמוטשעטע קערפערס, האבן זיי זיך געמוזט אויפרייסן פון שלאף, און אין די קאלט פריהערדיגע וואסער שטיין און וואשן די געשיר אין יאטקע און רייניקן דעם געשעפט לאקאל. זייער געזיכט איז ווען דעם געווען שטענדיג בלאס און די פינגער בלאו פון קעלט. נאך אלעס האבן זיי נישט געהאט אפילו קיין ברויט צו זעט. די מומע זייערע, נאכדעם ווי זי האט זיך גוט אויסגעשלאפן, איז זי אראפגעקומען אין די יאטקע און קאנט־ראלירט זייער ארבייט און שטענדיג פארפיהרט אז זי איז נישט צופרידן פון זייער ארבייט. סיהאט געקענט פאסירן דאס איינער פון די קינדער איז געפאהלן חלשות'דיג פון הונגער און קעלט, דעמאלט האט מען איהם דערמינטערט מיט געפעררליכע שלעק, שרייענדיג דאס ער זאהל זיך נישט "צופיעל פארצער־טלען" און פויל זיין נאר פלייסיגער ארבייטן.

קיינמאהל האט דער פעטער מיט די מומע נישט געזארגט דאס די קינדער זאהלן עפעס לערנען, ווייניגסטן דעם אלף־בית קענען, ווער רעדט פון אידיש־קייט צו וויסן, פון דעם זענען זיי געווען גאר דערוויטערט. זיי האבן זיך אזוי געעלטערט ביז זיי האבן שוין פארשט־אנען זייער ביטערע לאגע, נישט האבנ־דיג קיין שום נאהנטן פאר וועמען זיך די

הארץ ארויס רעדן. זיי זענען געווען אונ־ויסענד און עלנד ווי א שטיין, קיינער איז נישט געווען וואר ס'זאהל זיך פאר זיי אהנעמען אדער א גוט ווארט צו זיי רעדן. ס'איז איבעריג צו פארשטעלן ווי מגושמ'דיג זיי האבן אויסגעזעהן, שמו־ציג און באוואקסן ווי די וואלד חיות. דער הונגער האט שטענדיג ארויס געשט־ארצט פון זייערע אויגן, אין גאס האט יעדערער זיך אוועק גערוקט פון זיי און אויסגעמיטן נישט צו קומען מיט זיי אין קיין שום באריהרונג.

די איינציגע באריהרונג מיט מענטשן זייערע איז געווען ווען זיי האבן אפגעט־ראגן די פלייש־באשטעלונגען ביים פעטער אין יאטקע, ווען זיי זענען געווען די שיק איינגלעך צו די נגידי'שע בעלי־בתים. צוליעב די הויכע פרייזן פון די פלייש (וואס איז געווען צוליעב די גרויסע אבצאהלן פאר די קהילה צוליב די הויכע שטייערן און די גאנץ אפטע "לא יחרץ" געלטער וואס אידן האבן געברויכט צו צאהלן פאר די פריצים א.ד.ג.) האבן טאקע כמעט נאר די פארמעגליכע זיך ערלויבט צו נוצן פלייש אויף א גאנצע וואך. די ארעמע לייט האבן זיך פארפליישיגט נאר משבת לשבת, נישט האבנדיג די מעגליכקייט זיך פערגינען דעם "לוקסוס" זיך צו פארפליישיגן אין מיטן דער וואך. די צוויי נעבעכדיגע יתומים זענען וועגן דעם געווען איינגעטהיילט מיט זייער ארבייט: פון די פריהסטע פארטאגס שעה'ן האבן זיי געארבייט אין די יאטקע אלע מיני שווערסטע ארבייטן וואס איז דארטן געווען, און ארום 10 א זייגער האבן זיי שוין געוואנדערט מיט די שווערע משאות פון די באשטעלונגען, און זיך דערמיט ארום געשלעפט דאס צוטהיילנדיג אין די נגידי'שע הייזער.

די מומע איז געקומען אין געשעפט נישט פריהער ווי זיי האבן געענדיגט די ארבייט אין געשעפט. דעמאלט האט זי אנגעטהיילט פאר זיי וועלכע טהיילן און וואו אהין זיי דארפן דאס אוועק ליפערן א.ז.וו. אויף זייערע אויס געמוטשעטע פלייצעס האבן זיי געדארפט זיך שלעפן מיט שווערע משאות פלייש און זיך ארום דרייען אין די גאנצע שטאט און דורך שפרייזן הונגעריגערהייט אהן א שיעור וויארסטן. אויב איינער פון זיי האט א מאהל פרובירט צו בעטן עפעס עסן פאר'ן ארויס גייען מיט די פעקלעך פלייש, האט מען איהם גוט אהנגעשלאגן, שרייענדיג אויף זיי דאס ווען זיי וועלן צוריק ברע־נגען געלט פאר די אפגעלייזטע פליישן וועלן זיי באקומען צו פרעסן. זיי האבן דאס אויך געמוזט אראפ שלינגען און זיך נעמען צו די ארבייט. זיי האבן זיך אפילו נישט געטרויעט צו וויינען אין דער עפע־נטליכקייט אויף זייער טראגעדישן שיקזאל. נאר בייינאכט אויף זייערע קאלטע געלעגערס, האבן זיי פריי געלאזט זייערע טרערן קוואלן, היטנדיג זיך דאס דער פעטער און די מומע זאהלן חלילה נישט הערן...

ויהי היום, אין א טאג ווען איינער פון די יתומים איז אזוי ארום מיט די פליישן צו טהיילן אין די נגידי'שע הייזער, האט ער אויפן וועג געטראפן א סומע געלט אויף וועלכן ער האט זיך זעהר דערפר־יידט, דאס א צונד וועט ער האבן מיט וואס זיך אהנעסן צו זעט. נאכ'ן ענדיגן פארטהיילן דאס פלייש ווי זיין שטייגער, האט ער זיך געלאזט גייען קויפן ברויט, אבער אינמיטן איז איהם ארויף אויף דעם געדאנק, אז וואס וועט ער האבן פון דעם אויב היינט וועט ער טאקע עסן צו זעט, אבער מארגענדיגן טאג וועט ער דאך שוין צוריק בלייבן הונגעריג. אזוי קלערנדיג וואס צו טאהן, איז איהם ארויף אויף די געדאנקען א איינפאל, דאס צו ערשט דארף ער מיט די מטבע פארדיענען, און פון דעם פארדיענסט וועט ער זיך קענען קויפן ברויט צו זעט.

דא אבער האט ער זיך געמאטערט דעם קאָפּ, וואס קען ער דען טאהן מיט'ן געלד צו פארדיענען אויף א אופן אז דער פעטער מיט די מומע זאהלן דערפון נישט וויסן.

אזוי טראכטענדיג איז ער פארקראכן ביז אין די גויאישע געגענט און פארביי געגאנגען א גויאישע יאטקע. ער באמ־ערקט ווי דארטן איז א גרויסער געטומעל פון די קונדן, ער זעהט אז אויך ארעמע גוים קויפן פלייש אין גרעסערע קוואנטומס ווי להבדיל די אידן אין זייער שטאנד פונקט. דאס האט ביי איהם ערוועקט נייגעריגקייט און ער גיבט א פרעג ביי איינעם פון די ארויס געהערס די פרייז פון דעם פלייש. דא איז ער געוואהר געווארן דאס דא איז די פלייש פיעל פאכיגער ביליגער פון די פרייזן ביים פעטער.

אויב אזוי, איז איהם ארויף אויפין געדאנק, האב איך דאך א פשוטע עצה ווי צו מאכן געשעפט, כ'וועל דא קויפן פאר גאר ביליג פלייש און פארקויפנדיג דעם פעטער'ס פלייש וועל איך נעמען א היפש שטיק פלייש פון די גויאישע יאטקע און דאס פארקויפן פאר דעם פעטערס קונדן אלס כשרע פלייש און זיך אראפ נעמען מיין פארדיענסט און קיינער אין דער וועלט וועט דערפון נישט וויסן.

געקלערט און געטאהן. גלייך אויפ־צומארגענס האט ער פארווירקליכט זיין פלאן און טאקע אפגעלייזט א שיינע מטבע און קיינער האט נישט געוואוסט דערפון. ווען דער צווייטער יתום האט זיך מיט איהם געטראפן, איז ער מיט איהם א וועק אין א ווייטע גאס, זיך געקויפט בריוות ברויט און אויך עפעס צום ברויט און זיי האבן ביידע זיך גוט אנגעגעסן צו זעט.

צו די פראגע פון זיין חבר וועלכער האט זיך זעהר געוואונדערט און איהם געפרעגט פון וואו ער האט געלט זיך ערלויבן דעם "טוב והמטיב" — האט ער איהם געענטפערט: כ'האב געפונען א סומע געלט. דער חבר האט נישט געהאט קיין שום באזע פארוואס איהם נישט צו גלויבן, ער האט דאס אנגענומען פאר אמת.

צו מארגינס האט ער ווייטער דאס זעלבע געטאהן, געקויפט א שטיק טריפה פלייש אין די גויאישע געגענט און דאס אריינגעמישט צווישן דעם פעטער'ס פלייש און דאס פארקויפט פאר כשר. ער האט פארדינט א אהגעזעהנע מטבע, און ווי נעכטן האט ער אויך אינזינען געהאט זיין חבר און ביידע האבן זיך גוט אנגעגעסן.

צו זיין פראגע, פון וואו האסטו היינט גענומען געלט אויף דעם צוועק — האט ער געענטפערט: ס'איז נאך געבליבן פון די נעכטיגע מציאה וואס האט נאך געק־לעקט אויך פאר היינטיגן טאג און וועט נאך האבן אויף שפעטער... ווען ס'איז אריבער עטליכע טעג וואס זיי האבן זיך געלאזט וואויל גייען — האט ער נאך א מאהל געפרעגט, נו פון וואו נעמסטו אזוי פיעל טעג אויף דעם אלעם? האט ער זיך ארויס געדרייעט מיט עפעס א תירוץ: כ'האב נאך א מאהל געפונען א סומע געלט. ער מיט זיין תמימות האט איהם נאך אלץ געגלויבט. אבער ווען ס'איז א דורך נאך עטליכע טעג האט ער זיך שוין אזוי לייכט נישט געלאזט ארויס דרייען פון איהם. ער איז צו געשטאנען צו איהם, טענה'נדיג דאס ווי האט ער צו איהם נישט דעם פוהל'ן צוטרוי, דען זיי זענען דאך ביידע אין איין צרה, כ'קען שוין נישט גלויבן דיינע תירוצים, וועלכע קענען גילטיג זיין, איינמאהל און א צוויי־טן מאהל, אבער נישט שטענדיג איז יום טוב, ס'מאכט זיך נישט שטענדיג קיין מציאות.

ער האט שוין נישט געקענט מעהר פון איהם פארהוילן און איהם צו געזאגט דאס היינט וועט ער איהם שוין אויס זאגן. יענעם טאג ווען זיי זענען געווען אין א פאררוקטע זייטיגע גאס האט ער ביי איהם גענומען תקיעת־כף דאס ער וועט פארקיינעם נישט דערצעהלן דעם סוד. אזוי האט ער איהם טאקע אויס געזאגט די גאנצע השתלשלות הענינים, ווי ער איז געווארן א מאכיל טריפות ונבילות. דערביי האט ער איהם אויך געראטן צו אריינגייען אין די "ביזנעס".

ער האט איהם געלערנט דאס זאל ער איין טאג ביי זיך איינהאלטן דעם איינ־קאסירטן געלט, דערמיט קויפן א שטיק טריפה פלייש און מיטן פארדיענסט זאהל ער אומקערן פארין פעטער דאס איינקאסירטע געלט און קיינער וועט נישט וויסן דערפון.

קיין אהנונג און קיין שום געפיהל אין אידישקייט האבן זיי דאך נישט געהאט, ממילא האט זיי גאר נישט געקימערט וואס זיי זענען מאכיל יידן מיט טריפות ונבילות. זיי האבן טאקע נישט געוו־אוסט די גרויסקייט פון דעם פארברעך, און דעם געוואלדיגן הארבקייט פון דעם איסור. זיי האבן אזויפיעל געוואוסט אז ביי זיי איז דאס א פיקוח נפש און דאס אפילו ווען זיי פיהרן זיך נישט אזוי מיט פוהלע הונדערטע פראצענט אין ארדענונג איז דאך זייער פיקוח נפש דוחה אלעס...

זיי האבן זיך אזוי געפיהרט א גאנצן יאהר, צוגעקויפט שטיקער טריפה פלייש, און אויסגענוצט דעם צוטרוי פון די גאנצע שטאדט, וועלכע האבן געוו־אוסט דאס זיי ברענגען די פלייש פון די כשר'ע יאטקע פון זייער פעטער. דער מעשה שטן האט ליידער אויך ארויס געהאלפן דאס "געשעפט" זאהל געלו־נגען, און די קראקאווער יודנטהום זאהל נכשל ווערן בלא יודעים אין טרי־פות ונבילות.

אין פארלויף פון דעם יאהר איז זיי שוין געלונגען צו אפשפארן א היפשע סומע געלט און זיך ערווארבן א גאנץ פיינעם קאפיטאל. דאן האבן זיי זיך גענומען קלערן אויף א תכלית, נאך וואס דארפן זיי נאך ליידן פון פעטער און זיין פאר איהם אומזיסטיגע משרתים. זיי האבן קיין סאך נישט געדארפט קלערן, ביז זיי זענען געקומען צו א גוטן איי־נפאל. אלזא זיי האבן צווישן זיך באש־טימט דאס דער עלטערער פון זיי זאהל זיך זוכן צו פארטשעפן מיט'ן פעטער און זיך נעמען קריעגן ביז צו מאכן א ברוגז מיט איהם ביז דער פעטער וועט איהם ארויס ווארפן. נאכדעם זאהל ער גייען זיך ערגעץ פארדינגען ביי א אנדערן כשר'ן קצב, נישט קוקנדיג אויף דעם געלט, דען נישט דאס איז דאך זייער עיקר פארדיענסט, אזוי וועט ער אין א קורצע צייט זיך באקענען מיט א ברייטן קרייז פון קונדן און דאס "געשעפט" וועט זיך פאר ברייטערן.

אזוי איז געווען, באלד נאך דעם אפמאך האט זיך דער עלטערער פון זיי גענומען זיין פארנאכלעסיג ביי די ארבייט, קיין סאך האט ער נישט געד־ארפט, ביי דעם ברוטאלן פעטער, ווע־לכער האט זיך אונטערגעצונדן, און אויב ס'איז נישט גענוג געווען, איז די פרוי, וואס איז נישט בעסער געווען פון איהם, אויך געקומען צו "הילף". ער האט שוין צופיעל פאר זיי נישט קיין מורא געהאט, וויל ער האט דאך "ברייטע פלייצעס" דען ער איז שוין מער נישט אהנגעוויזן אין דעם פעטער און די מומע. אלזא א ווארט האט געברענגט א שטרענגערן ווארט ביז ער האט שוין זיי אנטקעגן גערעדט און זעהר שטארק דערקוטשעט, האבן זיי איהם געכאפט און ארויס געווארפן.

ער איז טאקע באלד'א וועק צו א אנדערע כשר'ע יאטקע און אהנגעטראגן דאס ער וויל זיך ביי איהם פארדינגען. אין שטאט זענען זיי דאך געווען גוט בעקאנט און אלע האבן דאך געוואוסט פון זייער דיענסט פארין פעטער דער קצב, און ער האט זיך אין פארלויף פון די יאהרן עררייכט א גוטע ערפאהרונג, וועגן דעם האט מען איהם גאנץ גערן אהנגענומען ביים צווייטן קצב.

דא אויך, האט ער ווייטער פארגע־זעצט זיין פיהרונג און געוויסע פראצ־ענטן מיט טריפה פלייש צו געלעגט צו די כשר'ע. ער איז גוט אפגעהיטן געווען מ'זאהל זיך נישט כאפן אויף זיין נידער־טרעכטיגע שענדליכע טהאטן און ער האט ווייטער געקענט געניסן פון דעם לאנג יאהריגן צוטרוי וועלכן ער האט זיך ערווארבן ביים פעטער, און צוליעב די גרויסע דיפערענצן פון צווישן די כשר פלייש צו די טריפה האט ער געקענט דערביי מאכן זעהר א סאך געלט. די

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פּאַסירונג

**אין קורצן פון פריער: א קצב האט זיך גענומען האדעוון 2 עלנדע יתומים, זיינע פלימעניקעס. ער האט זיי נישט ערצויגן ווי געהעריג און אפילו קיין ברויט צו זעט נישט געגעבן. ער האט זיי גוט אויס גניצט און ברוטאליש זיך בעגאנגען מיט זיי. וועלנדיג זיך פארבעסערן זייער לאגע האבן זיי געקויפט פאר ביליג גוי'אישע פלייש אין פארשידענע געשעפטן אונטער די שטאט און פארקויפט פאר טייערער פאר'ן פעטערס אידישע קונדן אלס כשר'ע פלייש. מעשה שטן האט זיי געהאלפן און האבן אפגעשפאָרט א קאפיטאל און געזוכט מיטלען פטור ווערן פונ'ם שלעכטן פעטער. מיט א אפגעשטימטן אנשטעל צווישן זיך האט דער פעטער איינעם פון זיי ארויס געטריבן. יענער האט זיך פארדונגען ביי א צווייטן קצב און דארט אויך געפיהרט דעם זעלבן "געשעפט".** און יעצט לייענט ווייטער.

## דער אריבער גאנג אויף זעלבסשטענדיגקייט

אויך נאכדעם ווען זיי זענען שוין געווען צו טיילט, יעדער איינער איז געווען ביי א אנדערן בעל-הבית, האבן זיי זיך ווייטער זעהר נאהנט געהאלטן. זיי האבן זיך תקיעת כף געגעבן צו בלייבן אין געהיים שותפים, און אז קיינער זאהל נישט פארהוילן פון צווייטן דאס מינדעסטע. זיי האבן זיך שטענדיג דורך געשמועסט אין די אלע "געשעפט-ליכע" ענינים און די ערפארונג האט זיי געהאלפן צו אלץ מעהר פארברייטערן די "ביזנעס". דער גרויסערליידן וואס זיי האבן בעפאר געליטן האט זיי אויס געל-ערנט צו זיין גוט אויסגערעכנט, נישט צו אויס ברענגען דאס געלט אויף נאשעריי, און בעיקר צו זיין גוט געווארנט, מ'זאהל זיי נישט כאפן ביי זייערע שענדליכע טהאטן. זיי האבן געטראפן פלעצער וואו מ'קען צו ביליגסטן קויפן די טריפות און

אזוי איז זייער קאפיטאל אלץ גרעסער געווארן, ביז זיי האבן שוין געהאט א שיינע אפגעשפארטע סומע געלט.

נאך א גאנץ לאנגע צייט האבן זיי זיך בארעכנט דאס מ'דארף שוין עפעס זעהן קלערן וועגן א גרעסערן תכלית, ביז ווי לאנג וועלן זיי נאך זיין משרתים ביי אנדערע, מ'וואלט שוין געמעגט אריבער גייען און ווערן זעלבסטשטענדיג (עצמ-אים). ביי א יעדע באגעגעניש האבן זיי גוט דורכגעשמועסט די אלע פלענער וואס זיי האבן די פריערדיגע צייט אוי-סגעקלערט. ענדליך זענען זיי געקומען צו פאלגענדן באשלוס:

דער עלטערער, ווער ס'ארבעט ביי א צווייטן, זאהל קומען צום פעטער אין יאטקע, מיט א פרעהליכען אנשטעל, און זאהל ארויס רופן דעם יונגערן מיט א אויס רייד, דאס ער האט איהם עפעס א וויכטיגע פרעהליכע בשורה צו אהנזאגן. דאס זאהל זיין אויסגערעכנט אין די

צייט ווען דער פעטער מיט די מומע זענען אין געשעפט, און ס'איז די איינסטע צייט ווען מ'מוז זיך צו איילן און צוגרייטן א וועק־צושיקן די אלע באשטעלונגען. אזוי וועט דער פעטער און די מומע זיך נעמען גוט אהנבייזערן און וועלן נעמען פארפיהרן דאס ער זאהל נישט ארויס גיין אין די צייט. געוויס וועלן זיי זיך אויך גוט אויס בייזערן אויף דעם עלטערן, דאס ער האט נישט געהאט ווען צו קומען שטערן נאר אין אזוי א ענגע צייט און וועלן איהם נעמען פאר טרייבן פון דארט. דאן זאהל ער א זאג געבן אין די הויך צום יונגערן: פרעג נישט די ברוטאלע לייט, קום אוועק פון דא, דען השי"ת האט זיך אויף אונז שוין מרחם געווען און מיר זענען שוין אויפגעריכט געווארן...

וכך הווה. דער עלטערער איז געקומען צום פעטער אין די עכטע ענגע שעה'ן ווען דאס געשעפט איז געווען פוהל מיט קונדן, ער האט דאך גוט געוואוסט ווען מ'דארף צוגרייטן און שנעל אוועק שיקן די אלע באשטעלונגען, אזוי אז ווי נאר ער האט זיך באוויזן ביים געשעפט, און די מומע האט איהם באמערקט ווי ער רופט זיין חבר אין מיטן סאמע ברען ארבייט, האט זי זיך אהנגעצונדן און גענומען שרייען אויפן קול און זיך געקאכט ווי א קאכענדיגער קעסיל, דערוויל איז דער פעטער אויך צו הילף געקומען און גענומען מאכן געוואלדעס. באלט האט דער עלטערער א געשריי געגעבן אין דער הויך, אלע זאהלן הערן: קום שנעל אוועק פון דא, השי"ת האט מיר באשערט א מציאה — א אוצר ממש, מיר וועלן זיך אליין קענען עפענען א יאטקע, כ'וועל דיר צונעמען פאר א שותף און מיט דעם אלמעכטיגנ'ס הילף וועלן מיר זיך אי"ה ארויף ארבייטן, נאכדעם ווי מיר וועלן אזוי שווער און ביטער ארבייטן ווי ביים דעם ברוטאלן פעטער וועלן מיר אויפקומען און רייך ווערן!

ווי ס'איז געווען פריער אבגערעדט, האט דער יונגערער לאנג נישט זיך געלאזט בעטן, און באלד ארויס פון דעם פעטערס געשעפט און מיט געגאנגען מיט דעם "געוועזענעם" חבר מיט דעם צוועק צו "ווערן" זיינער א שותף.

באלד דערנאך האבן זיי זיך געדונגען א יאטקע אין א קליינעם פארנעם, גלייכצייטיג באהאלטענערהייט האבן זיי אויך געדונגען ערגעץ אין די גוי'אישע געגענט א קעלער. אויף צו פארשטעלן זייערע מעשים, דאס מ'זאל זיי נישט כאפן האבן זיי געלאזט שעכטן א קעלבל על טהרת הכשרות, זיי האבן זיך געהעריג באשטייערט מיט די שחיטה געלד און די אלע כשרות שטייערן פאר די קהילה א.ד.ג. גלייכצייטיג האבן זיי אליין אויך געקוילעט א קעלבל אין זייער קעלער וואס איז געווען אין א אונטער געסל ווייט פון די אידישע געגענט, און האבן צו מישט די כשר'ע פליישן מיט די אנדערע.

זיי האבן דאך שוין געהאט געהעריגע באקאנטשאפט ביי די קונדן פון די פאה־ריגע בעלי בתים. יעדער האט גיכער געקויפט ביי זיי אלס רחמנות אויף די ביטערע יתומים'לאך און אזוי האבן זיי שוין אין אנפאנג פארדינט גרויס געלט. צו דעם אלעמען האבן זיי נאך געזוכט צו געבן די אלע בעסטע בעדינונגען, זיי האבן זיך אויך נישט געשטעלט אויף דעם גראשן, ביינער האבן זיי צוגעגעבן אומזינסט. ס'איז קיינעם נישט איינגעפאלן דעם מינדעסטן פארדאכט אויף זייער כשרות. אין פארלויף פון די פיעלע יאהרן האבן זיי זיך שוין ערווארבן א גוטין נאמען אלס ארענטליכע, ווייל מ'האט אויף זיי נישט געהערט קיין שום שלעכט ווארט.

פון זייער זייט האבן זיי געארבייט גוט פארזיכטיג, אין יאטקע האט מען קיינמאהל נישט געקענט טרעפען עטוואס מעהר ווי זיי האבן געשאכטן מיט די כשר'ע שחיטה. ווען ס'איז געקומען א כשרות קאנטראל האט מען ביי זיי געטראפן אלעס אין בעסטן ארדענונג, דען דאס טריפה האבן זיי געהאלטן אין די אונטער געסל, נישט אין די אידישע

געגענד, און פון דארט אויס האט מען אוועק געטראגן פאר די קונדן די טריפה פלייש, אבער אין יאטקע איז דאס געווען "בל יראה ובל ימצא".

דאס "געשעפט" האט פון וואך צו וואך געבליהט און ווי אויף הייוון איז דאס אויף געקומען. זיי זענען צוביסליך אלץ מעהר אריין אין מארק און געלאזט שעכטן ווי מעהר בהמות. גלייכצייטיג, וויפיעל זיי האבן געשאכטן כשר'ע, האבן זיי אויך אין די באהעלטעניש צו געשאכטן טריפה, פארשטעקטערהייט. אין שטאדט האבן אלע געוואוסט דאס די נייע יונגע קצבים זענען די ערענטליכסטע, זיי שינדן נישט די הויט ביי די קונדן און ביי זיי איז דאס ביליגסטע. דאס איז גענוג געווען צו ציהען צו זיך קונדן אזוי אז ביי די אלע אנדערע קצבים זענען אלץ ווייניגער געווארן די קונדן און זענען אראפ מטה מטה רח"ל. זיי האבן אויך זעהר נושא חן געווען ביי די פריצים פון די געגענט וועלכע האבן געקויפט אין גרעסערע קוואנטומס (כמויות) כשר'ע פליישן, דען זיי האבן געוואוסט דאס די אידישע כשר'ע פלייט איז פיעל בעסער און אפגעהיטענער פון געזונדהייטס שטאנד־פונקט. אזוי ארום זענען זיי פון טאג צו טאג רייכער געווארן און אין קעגנטהייל די אלע אנדערע קצבים זענען נישט בכוח געווען זיך מיט זיי צו קאנקורירן.

אין צווישן האבן זיי זיך אויך געלאזט וואויל־געהן, זיי זענען אריבער אין דירות ווי ס'פאסט פאר אזעלכע גרויסע נגידים, און האבן געטאהן גאנץ פיינע לייטישע שידוכים. אויך נאכדעם ווי זיי האבן חתונה געהאט האבן זיי קונציג פארהוילן זייערע שענדליכע מעשים, נישט די פרויען און שפעטער אויך נישט די קינדער האבן פון דעם געוואוסט. אזוי אז קיין שום ילוד אשה האט דערפון נישט געוואוסט. פון צווייטן זייט, זענען זיי שטענדיג געווען ראשונים לכל דבר שבקדושה, איבערהויפט האבן זיי געשטיצט יתומים און זיי געלאזט ערציהען ווי ס'באדארף צו זיין, דען זיי האבן דאך גוט געפיהלט דעם טעם. אויך האבן זיי געהאט א אפענע הויז פאר געסט, זיי זענען געווען גרויסע מכניסי אורחים, וועלכע זיי האבן באזארגט כיד המלך מיט פוהלע אש"ל (=אכילה שתיה און לינה), אויך ביים אוועק גייען האבן זיי מיט געגעבן א שיינע מטבע אין טאש און זייער נאמען איז געווען לשם ולתהילה.

פאר זייערע אייגענע קינדער האבן זיי געדונגען די בעסטע מלמדים און האבן וואויל געלערנט. ווי ס'איז געווען אין יענע יאהרן איינגעפיהרט, האבן זיי די קינדער שוין ביי די דרייצעהן יאהר חתונה געמאכט, זיך ערלויבט אריין נעמען איידימס תלמידי חכמים אויף אייביגע קעסט און גלייכצייטיג די שניר פון שעהנע און חשוב'ע פעמיליעס, פאר אלע האבן זיי געגעבן ביד רחבה א בכבוד'דיגן נדן. אזוי זענען א דורכגעלאפן א היפש ביסל יאהר און האבן נישט געפיהלט קיין שום געוויסן פלאגעניש אויף זייערע שענדליכע טהאטן. מיט זייער גרויס עם־הארצות, האבן זיי געקלערט דאס מיט זייערע אפענע הענד און די אלע אנדערע גוטע זאכן, ווי אויסהאלטן די קינדער און קינד'ס קינדער דאס זיי זאלן רוהיג'ערהייט זיצן על התורה ועל העבודה, זענען זיי מכפר אויף דעם וואס זיי טועהן.

פון צווייטן זייט איז אין פארלויף פון די יאהרן אין קראקא אדורכגעגאנגען זעהר געפערליכע אומגליקן רח"ל, און וויפיעל מ'האט מעורר געווען דעם קהל, גוזר געווען תעניתים און געזוכט צו פארריכטן פירצות, איז קיינעם נישט איינגעפאלן דאס דווקע ביי די שעהנסטע בעלי־בתים אין שטאדט איז דער מקור פון די אלע אומגליקן רח"ל.

## די אומגעריכטע ערוועקונג צו תשובה

אין א טאג, האט זיך געטראפן אזא מעשה: איינער פון די שותפים איז צוריק א היימגעקומען, אויס געמאטערט פון די

טעגליכע שווערע ארבייט פון די טריפות, וואס דאס האבן זיי נאך אלץ אליין געטאהן כדי מ'זאהל נישט דערגעהן זייערע מעשים. אלזא אין אזוי א צייט איז געווען ביי איהם דער גרעסטער פאר־געניגען, ווען ער האט זיך אריינגעווארפן אין א פאטעל אין איינעם פון זיינע שעהנע צימערן, און זיך צוגעהערט צום זיסן קלינגענדיגן קול תורה פון איינעם פון די קינדער, אדער איידעמס, אדער גאר פון די יונגעטשקע אייניקלעך. דאס מאהל ווי ער איז אזוי געזעסן אויף דעם פאטעל וואס איז געווען איבערגעצויגן מיט א זיידן־פלושענעם איבער דעק, האט ער זיך גליקליך געפיהלט ווי ביי איהם אין הויז איז פעראייניגט "תורה וגדולה במקום אחד", און הערט אויס א געשמאקע זיסע שטימע פון איינעם פון די יונגווארג פון די משפחה, ווי ער חזר'ט צו זיך:

**— ווען איינער עסט חֵלֶב, קומט איהם כ ר ת! אבער אין פאל ווען ער טהוט דערויף ת ש ו ב ה — וואס דאס מיינט ער. נעמט אויף זיך מעהר דאס נישט צו טאהן און האט ריכטיג חרטה אויף די פארגאנגענהייט קען דאס איהם מכפר זיין. אבער ווען ח"ו מ'טהוט נישט קיין תשובה, איז די שטראף זיינער, צו פארשניטן ווערן פון די וועלט פאר די צייט, וואס דאס איז מכפר אויף דעם טהייל שטראף וואס אויף די וועלט. שפעטער דארף ער נאך אפקומען דאס איבעריגע אויף יענער וועלט ביז ווילאנג די נשמה ווערט אויס געלויטערט פון די זינד.**

דער אייניקל האט זיך אזוי ווייטער געלערנט די אלע אופנים פון זינדיגן, און פון די עונשים. שפעטער זאגט ער: און **נאך ערגער איז ווען מ'איז אימיצן אנד־ערשט מכשיל מיט די חטאים, אז מ'איז א חוטא ומחטיא את הרבים איז אין מספיקין בידו לעשות תשובה, און ווי ווייט מ'דארף זיך מוטשען ביז מ'קען דאס פארריכטן. מ'קען אזוי ממש פאר־פאלן ווערן אויף אייביג אין כף הקלע, און אפילו צו תחיית המתים וועלן זיי אויך נישט אויפשטעהן און די מעגליכ־קייט פון "גיהנום כלה והם אינם כלים" און נאך פארשידענע אנדערע אופנים וואס האט זיך גערעדט אלץ וועגן דעם איסור פון נבילות און טריפות און פון מכשיל זיין דערמיט את הרבים.** געפער־ליכע געשעהנישן קען אויך פארקומען צוליב דעם, ווי יונגע קינדער און אויך עלטערן וואס קענען צוליעב דעם חטא אוועק יונגערהייט רח"ל, איבערלאזנדיג קליינע קינדערלאך יתומים...

דער שווער דער לאנג יאהריגער עם הארץ, וואס האט די אלע שענדליכע זאכן געטאהן צוליעב זיין אונוויסענד, צוהערנדיג דעם תורה'דיגן שמועס, האט זיך פארטראכט אינדעם ביטערן שיקזאל וועלכער ס'ערווארטעט איהם, ווייל ווער ווייסט וויפיעל אומגליקן ער האט אין דער פארלויף פון די פיעלע יאהרן געברענגט אויף דעם כלל, צוליב פארבעסערט זיין שלעכטע לאגע אויף די וועלט, אבער וועגן דעם וועט ער אויף אייביג פארוואגעלט זיין אין כף הקלע און נאך ביטערע שטראפן וואס ער האט שוין אנגעיאגט אויך צו הערן פון פאר־שידענע מגידים. **ס'איז איהם שלעכט געווארן אויפ'ן הארץ און פינסטער אין די אויגן, די אלע פאהר צענדליגע יאהר וואס ער האט מכשיל געווען די קראק'ער באפעלקערונג מיט די חֵלֶב, און נבילות וטריפות איז איהם פארגע־קומען ווי לעבעדיג פאר די אויגן. ער האט גענומען ציטערן ווי אין א קדחת רח"ל, די פיס האבן זיך גענומען וואַ־קלען און דאס הארץ יאגן און איז שיעור אין א חלשות צוזאמענגעפאלן.** ער האט זיך קוים אויפגעשטעלט אויף די פיס און מיט טויט אנגסטן זיך אריינגעשלעפט אין שלאף צימער. די פרוי אריינקומענ־דיג אין צימער און האט דערזעהן דעם בלייכן געזיכט פון איהר מאן **וועלכער האט תמיד געגלאנצט** האט זיך פשוט דערשראקן, אבער נאך איידער זי האט אנגעיאגט איהם פרעגן וואס ס'איז, האט ער אויסגעבראכן אין א יאמער־

ליכן געווין, געשריגען און געזיפצעט מוראידיג, געקוויטשעט און געריטשעט גלייך ווי א געשאכטענע בהמה. ס׳האט איהר ממש באפאלן א געפערליכע שרעק, אז זי האט אויך אויסבראכן מיט א געוויין און זיך ביי איהם געבעטן ער זאהל איהר זאגן וואס איהם איז, אבער ער האט קיין איינציג ווארט אפילו נישט געענטפערט. ער האט נאר געיאמערט, זודיגע טרערן האבן זיך פון זיינע אויגן געגאסן, א שטאט ער זאהל זיך בארוהיגן איז ער אלץ וואס מעהר, נאך היסטע־רישער געווארן. ער האט זיך גענומען זעצן מיט די פויסטן אין אין קאפ און אין הארצן, **שרייענדיג וועה און ווינד איז מיר און צו מיינע יאהרן!!!**

ווער ס׳האט איהם אנגעקוקט אין די פויזע איז ממש ערשוידערט געווארן און וויפיעל מ׳איז צו איהם צוגעשטאנען דאס ער זאהל עפעס א ווארט זאגן האט גאר נישט געהאלפן, ער האט נאר אלץ שטארקער גענומען קלאגן און וויינען.

נישט האבנדיג קיין שום עצה, האבן זיי געלאזט רופן דעם שותף, צו וועלכן ער איז געווען זעהר ברידערליך צו געבונדן און בעפריינדעט, פיליכט וועט ער קענען דערגעהן וואס איהם איז געשעהן. דער שותף איז אויך אויף געטר־ייסלט געווארן איהם זעהנדיג אין די פויזע. ער האט אויך פראבירט מיט איהם איינטענה׳ן, פרעגנדיג וואס איהם איז דא עפעס געשעהן? צו ער האט געהאט עפעס א גרויסן היזק? וועגן דעם דארף ער זיך נישט ערגערן, ה׳ נתן וה׳ לקח, מיר זענען דאך ב״ה גענוג רייך, ווייטער וואס פעלט דיר? השי״ת האט דאך דיר געגעבן עושר וגדולה וכבוד, נחת און כל טוב?

נאך פיעל איינטענה׳ן מיט איהם איז ער א ביסל שטילער געווארן און געוואר־נקען פאר די אלע בני בית מ׳זאהל ארויס און איהם לאזן אליין מיט׳ן שותף. זיי האבן שוין געלעכצעט און אויס געקוקט דאס מ׳זאהל פון איהם געוואויר ווערן וואס איהם דריקט אויפן הארצן, האבן זיי אלע שנעל פארלאזט דעם צימער און איהם געלאזט אליין מיט דעם שותף.

ווי אלע זענען ארויס האט ער נאך אמאהל אויס געבראכן אין א יאמער־ליכן געוויין, אז דעם שותף איז די בלוט שיעור פארגליווערט געווארן. ער האט שוין געווארט צו הערן פון איהם איין ווארט אויף דער אורזאך פון דעם גער־ויין. ביז ענדליך האט ער זיך געפאסט מוהט, מיט אלע כוחות האט ער זיך אנגעשטרענגט און א זאג געבען צום שותף וואס איז געשטאנען נעבן איהם אזוי דערשראקן: קום לאמיר ארויס־געהן אין אונזער גארטן, אוועקגעהן ווייט ווייט, כדי אונזער שמועס זאהל נישט צוקומען צו קיינעמס אויערן.

אזוי האבן זיי זיך געלאזט צום ריכ־טונג פון דעם וואונדער שעהנעם גארטן, אין וועלכן די גרעסטע נגידים און פרי־צים האבן איהם מקנא געווען. ווי זיי זענען שוין אוועק געגאנגען א היפש שטיק וועג ביז צווישן א בוימער געדיכ־טעניש פון א נאהנטן וואלד, האבן זיי זיך אוועק געזעצט אויף א שטיין, און דא ערשט האט ער זיך גענומען רעדן צום שותף.

**פארזעצונג אי״ה קומענדיגער וואך.**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פאַסירונג

אין קורצן פון פריער: **א קצב האט געהאדעוועט 2 עלנדע יתומים, וואס זענען אויסגעוואקסן קצב יונגען — עם־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלישע באציהונג קעגן זיי און צוליעב דעם הונגער וואס זיי האבן געליטן ביי איהם האבן די יתומים אונטער גערוקט פאר די קונדן טריפות וואס זיי האבן געקויפט בּיליג ביי די גויים און דעם פארדיענסט פאר זיך גענומען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו א זעלבסשטענדיגקייט. זיי האבן זיך געעפנט א אייגענע יאטקע און דארט האבן זיי אויך דאס זעלבע געטאהן, גענומען באהאלטינערהייט טריפות און אויס געמישט מיט די כשר'ע פלייש. זיי זענען אזוי געווארן גרויסע נגידים, און געטאהן פיינע שידוכים און אין פארלויף פון די יאהרן האבן זיי אויך חתונה געמאכט קינדער אויפ'ן שעהנסטן אופן. די טריפות געשעפט האבן זיי נאך ממשיך געווען און קיינער האט זיך נאך אלץ נישט געכאפט. אין שטאט קראקא איז אין משך פון די צייט פאהר געקומען ל"ע פארשידענע מגיפות און צרות, וואס מ'האט נישט געקענט דערגיין די סיבה דערפון. דער הייליגע מגלה עמוקות האט אלץ גוזר תענית געווען און געזוכט גודר צו זיין פארשידענע פרצות, אבער דאס ריכטיגע איז ער נישט דערגאנגען. אין א טאג האט איינער פון זיי געהערט איינעם פון זיין הויזגעזינד ווי ער לערנט ארויס פון א ספר די הארבקייט פון מכשיל זיין הרבים מיט טריפות און דער גרוילזאמער עונש אויף די וועלט און אויף די קומענדע וועלט. ער איז פון דעם זעהר אומרוהיג געווארן, ביז ער האט זיך גענומען צום הארצן זיינע גרויליגע מעשים וואס ער באגייט. די פעמיליע האט נישט געוואוסט וואס איז איהם געשעהן און ווי אזוי איהם צו בארוהיגן. ענדליך האבן זיי פרובירט ברענגען דעם שותף זיין געטרייען חבר, וועלכער האט נאך גרויס מיה געפועלט ביי איהם ער זאהל עפענען דעם מויל, דא האט ער געבעטן אלע זאהלן פארלאזן דעם צימער און פארבלייבענדיג מיט'ן חבר האט ער איהם געזאגט זיי זאהלן אריבער אין זיין גרויסן גארטן דארט אין דער געהיים צו שמועסן. פון גארטן זענען זיי ווייט פארגאנגען אין וואלד און זעצנדיג זיך אויף א שטיין האט ער גענומען זיך רעדן צו איהם ווי פאלגענד:**

— הער מיר צו מיין טייערער גוטער פריינד. מירביידע זענען אומגליקליך, די אומגליקליכסטע אין דער וועלט, דער שטן האט אונז ביידע פארכאפט אין זיין נעץ און כ'ווייס נישט צו מיר וועלן נאך קענען זיך ארויס דרייען פון זיינע ווילדע נעגל. אונזער גאנצער רייכטום האט קיין שום ווערט, אנטקעגן דאס שרעקליכעס וועלכע ערווארטעט אונז לנצח נצחים. ווער ווייס צו לאנג יאהריגע יסורים מיט דעם פינסטערסטן טויט וועט אונז קענען אויס לייזן! מיר זענען דאך חייבי כרת, וואס דאס מיינט צו פארשניטן ווערן פאר די צייט פון דעם עולם! אפילו ווען דו וועסט זיין גענוג שטאלץ און זאגן אז דער טויט שרעקט דיר נישט, דען צוויי מאהל שטארבט מען נישט, און ס'איז דיר נישט קיין אונטערשיעד ווען דאס וועט אונטערקומען, פריהער אדער שפעטער — אבער וויסן זאלסטו, דאס טאקע דעמאלט — נאכן טויט איז דער עיקר, ווען ס'איז פאר אונז אנגעגרייט די שווערסטע ליידן, פיעל שטארקער און שוידערליכער ווי דער מענטש קען דאס באגרייפן!

דער שותף האט איהם זעהר דערשראקן אריין געקוקט אין די אויגן, ער האט ביי זיך שוין באשטימט דאס דער

חבר זיינער איז אראפ פון זינען, ער האט זיך נאך אלץ נישט געקענט פאהרשטעלן וואס ער וויל פון איהם, אבער נישט אויף לאנג איז ער געזעסן מיט די דאזיגע געדאנקען, דען באלד האט זיין חבר זיך נאך א מאהל פארנאנדער געכליפעט און מיט א היסטערישן געוויין פאהר געזעצט זיין רעדן — דערצעהלנדיג איהם וואס ער האט דא ערשט געהערט ווי איינער פון זיינע הויז געזינד האט ארויס געל־ערנט פון די הייליגע ספרים, און וואס פאר א ביטערן שיקזאל ס'ערווארטעט זיי פאר דעם מאכיל זיין אידישע קינדער טריפות און נבילות מיט חֵלֶב, און די פיעלע ליידן וועלכע זיי האבן דורכדעם געברענגט אויף אונשולדיגע אידישע קינדער, וויפיעל יונגע עלטערן זענען אוועק פון דער וועלט פאר די צייט צוליעב די זינד, איבערלאזנדיג פארביט־ ערטע אלמנות און עלנדע יתומים'לאך, וויפיעל ליידן האט דאס צו געברענגט פאר זיי, דאס וואס מיר האבן שוין אויף אונז זעלבסט געפיהלט, און נאך פאר־ שיעדענע רעזולטאטן וואס איז דורכדעם ארויס געקומען. ווען מ'וועט שטייען פאר דעם געריכט אויף דעם עולם האמת וועט זיך דאס אלעס איינרעכענען.

— געדענק נאר — האט ער ווייטער פארגעזעצט — וויפיעל צענדליגער יאהרען מיר פיהרען זיך שוין מיט די שענד־ ליכע טהאטן, און וויפיעל צענדליגע טוי־ זענטער אידן האבן מיר שוין מכשיל געווען מיט אזעלכע הארבע עבירות! זעה נאר דעם שטארקן כח פון דעם שטן, דאס אין אזוי א שטאט ווי קראקע, וועלכע איז פוהל מיט: לומדים, חסי־ דים, צדיקים, תלמידי חכמים און קיינעם פאלט נישט איין דעם מינדעסטן פארדאכט אויף אונז, אלע עסן אונזער פלייש. די שעהנסטע און פרומסטע הייזער, אויף אלע שמחות דארטן וואו ס'זענען די שטארקסטע מחמירים און מהדרים במצוות, קומט ארויף אויפן טיש אונזערע פליישן! וואס קומט אונז ארויס פון אונזער גאנץ עשירות וועלכעס מיר האבן זיך ערווארבן, וואלט אונז דען נישט בעסער געווען ווען מיר וואלטן ליעבערשט געגעסן ברויט מיט צוויבעל ווי איידער די רייכע און נישט כשר'ע מעדני מלכים! אונזערע געצעהלטע יאהרען וואס איז אונז געבליעבן צו לעבן וועלן שנעל אדורך לויפן ווי דער שאטן פון א פליענדיגן פויגל, און ענדליך וועלן מיר צו קומען צו די אייביגע וועלט וואו מיר וועלן דארפן אפגעבן דין וחשבון פאר'ן אמת'דיגן געריכט, דארט וואו מ'וועט אונז פאר אורטהיילן דאס ערגסטע און גרויזאמסטע. דארט וואו מיר וועלן געפייניקט ווערן אהן א ענדע, אונזער אלטער לעבן ביים פעטער, ווען מיר זענען געווען צוריסן און בארוועס, הונגעריג און קאלט וועט גאר אויס־ זעהן ווי א גן עדן קעגן דעם.

דו ביסט דאך איבערגעצייגט דאס דער הייליגער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל, האט געפיהלט דאס עפעס געפער־ ליכעס מוז פארקומען אין שטאדט. אלס געטרייער פאסטוך פון זיין בעליעבטע סטאדע שאָף, האט גאנץ אפט גוזר תענית געווען, און דורכגעפיהרט התעור־ רות תשובה, מ'האט פיעל צדקה פאר־ טהיילט און א סאך תפילה געטאהן, וועלכעס האט טאקע אויף א צייט געוו־ וירקט צו פארשטילן ג-טס צארן. דאס האט אבער נאר געווירקט אויף א געוו־ ויסע צייט ביז ס'איז נאך א מאהל געקומען א פרישע צרה, און דער בית עולם איז אהנגעזייעט מיט פרישע קברים פון דערוואקסענע ביז פיעל עו־ פה'לעך. ווי ס'זעט אויס האט דעם שטן המקטרג געלונגען צו פארשטעלן די היי־ ליגע אויגן פון דעם גאון וצדיק און ס'איז איהם נישט ערמעגליכט געווען צו דער־ געהן וואס ביי איהם אין קהילה טוהט זיך אפף.

דער שותף דערהערנדיג דאס אלעס פון זיין חבר איז איהם אויך באפאלן א געוואלדיגע שרעק און געגומען ציטערן פון שרעק, דען יראי שמים און מאמינים זענען זיי דאך געווען, נאר צוליב זייער עם־הארצות זענען זיי אזוי פארקראכן, ס'איז איהם פינסטער געווארן אין די

אויגן און איז שיעור צוזאמענגעפאלן אין חלשות, ווען ער האט זיך ארייגעקלערט אין זיין גאנץ־נאהנטן צוקונפט וועלכער עס ערווארטעט איהם.

א היפשע צייט האבן זיי זיך ארומג־עדרעהט שטילשווייגענד, יעדער איינ־ציגער פון זיי האט שוין פאר זיך געזעהן דעם שאול תחתית, און ווי די צעהנד־ליגער טויזענטער מלאכי חבלה ווארפן זיך ארום מיט זיי אין דעם כף הקלע, זיי האבן ווי ווירקליך פאר זיך געזעהן די אלע ביטערע שטראפן ווי זיי האבן געהערט פון יענעם מגיד וועלכער האט פון דעם הייליגן ספר "ראשית חכמה" אראפ געלייגט די אלע מעגליכע שטראפן וואס מיקען ח"ו מיט מאכן אויף יענעם עולם, און זענען ביי זיך זיכער געווען אז דאס אלעס איז פאר זיי גרייט און זיי וועלן זיין הילפסלאז, קיינער וועט זיך נישט צוהערן צו זייער ביטערן קרעכצן און וויינען.

ענדליך האט איינער פון זיי געבראכן די שטילקייט, און ווענדנדיג זיך צום חבר האט ער א זאגט געגעבן:

ווייסטו גאר וואס! לאמיר אלעביידע ארייגעהן צום הייליגן רב, דער היי־ליגער צדיק און מקובל, זיך פאר איהם מתוודה זיין און דערצעהלן אויף אונ־זערע אלע זינד וועלכע מיר האבן אפגע־טאהן אין פארלויף פון די אלע יאהרן, אפשר וועט ער קענען אונז ארויס געבן עפעס א סדר תשובה פאר אונזערע פיעלע זינד. כ'בין גרייט צו נעמען אויף זיך דאס ערגסטע און שווערסטע, ליידן די גרעסטע יסורים און בזיונות, דער עיקר צו געראטעוועט ווערן פון דעם שווערן און מורא'דיגן שטראף וועלכער ערווארטעט אונז אויף די קומענדיגע וועלט, דען וואס פאר א בעדייט האבן דען די בושות און שאנדע מיט די אלע יסורים אויף די וועלט ווען ענדליך לאזט זיך דאס אויס, אנטקעגן דעם אום ענדליכן ליידן אויף די קומענדיגע וועלט וואס ציהט זיך ממש לנצח נצחים, כ'זעה נישט קיין שום אנדערע עצה ווי זיך צו העלפן. ווייטער אזוי פיהרן דאס געשעפט קומט געוויס נישט אין בעטראכט.

ביידע שותפים האבן זיך פריש צו וויינט און אנגענומען א אויסדריקליכן פעסטן בעשלוס, נאך דעם זעלבן אווענד, אין די שפעטע נאכט שעה'ן ארייגעהן צוזאמען צום שטאדט רב, זיך מתוודה זיין פאר איהם און בעטן ער זאהל זיי ארויס געבן א תשובה אויף זייערע גרויסע און פיעלע זינד.

## די התוודות

ווי מיר האבן שוין דערמאנט, איז דעמאלט אין יענע צייט געזעסן אויף די רבנות שטוהל פון די בעריהמטע קהילה פון קראקא, דער גרויסער גאון וצדיק און מקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל, בעוואוסט מיט'ן נאמען פון זיין הייליגן ספר "מגלה עמוקות", דאס איז געווען אין איינע פון די גלענצענדע תקו־פות פון דעם אידישן פאלק אין אייראפע בכלל און אין די שעהנסטע קהילה פון פוילן, און די רעזידענץ פון גאליציע־קראקא בפרט. דערמאנענדיג דעםווארט "קראקע'ר רב" איז געווען גענוג צו ערוועקן עהרע־פארכט אז דא רעדט זיך וועגן דעם אנגעזעהנדסטן גאון וצדיק וקדוש וועלכע מיקען טרעפן ביים אידישן פאלק, און האט געשפיעלט די ראליע פון דעם שעהנסטן אויטאריטעט אלס "משכמו ולמעלה".

צו דעם גרויסן און ג־טליכן מאן, דער באוואוסטער קדוש וטהור, זענען זיי אריין זיך מתוודה זיין און בעטן א סדר תשובה. זיי, די צוויי חשוב'סטע בעלי־בתים אין קהילה, זענען געקומען צו דעם צדיק און קדוש עליון, זיך פארשטעלן אלס פארברעכערס וועלכע האבן באגא־נגען די געפערליכע זינד, מכשיל געווען צעהנדליגער יאהרן די שעהנסטע און פרומסטע הייזער. צוליעב זייערע זינד האט כמה מאהל אויסגעבראכן פארשי־דענע מגיפות רח"ל, פון וועלכן ס'זענען פון דער וועלט געגאנגען, אלטע און יונגע, קליינע קינדער און עלטערן פאר פיצלאך קינדער וועלכע זענען פריהצייטיג פארש־ניטן געווארן פון די וועלט רח"ל.

זיי האבן שטיל אנגעקלאפט אין די טיר, מיט צובראכענע געמיטער, אבער באלד האבן זיך די אלע אנוועזענדע אויף געהויבן פאר זיי און זיי אויפגענומען מיט א ברייטן "ברוכים הבאים" און שוין געלאפן מעלדן פארן רב אז די צוויי חשוב'סטע גבירים פון שטאדט זענען געקומען און ווילן זיך טרעפן מיט איהם.

מ'האט זיי ביידע אריינגעפיהרט אין דעם שעהנסטן צימער און בכבוד'יג אויפגענומען. באלד איז דער רב אריינ־געקומען און די רעבעצן האט זיך געא־יילט און צוגעשטעלט אויפ'ן טיש א כיבוד. אבער זיי זענען נישט געווען אויפ־געלעגט צו אפילו טועם זיין פון דעם כיבוד, נאר געזאגט דאס זיי האבן וויכ־טיגס דורכשמועסן מיט'ן רב. די אלע אנוועזענדע האבן זיך ארויס גערוקט פון דעם צימער און זיי האבן געזאגט פארן רב אז זיי האבן עפעס דורכשמועסן א גרויסן סוד. דער רב איז מיט זיי תיכף אריין אין א אינעווייניגסטן צימער און אונטער געלשאסן די טהירן. ווען זיי זענען שוין געבלי'בן אליין אבגעזונדערט מיט'ן רב האבן זיי זייערע קעפ אראפ געלאזט און די אויגן זייערע האבן גענומען פליסן טייכן טרערן. איינער פון זיי האט מיט א טרערן געשטיקטע שטים גענומען רעדן צום רב, און דערצעהלט זייער גאנצע ביאגראפיע פון ווען זיי זענען געבליבן קיילעכדיגע און עלנדע יתומים, ווי דער פעטער האט זיי צו זיך אריינגענומען און ווי ברוטאליש ער האט זיך מיט זיי בעגאנגען. אזוי האט ער ממשיך געווען און דערצעהלט זייער גאנצע דורכלעבעניש ביז ווען זיי זענען צו געקומען צום היינטיגן טאג, נאכדעם ווי זיי האבן צעהנדליגער יאהרן זיך אהנג־עהאלטן אין שענדליכע מעשים פון מאכיל זיין טריפות און נבילות מיט חלב פאר די גאנצע קהילה אזוי אז ס'איז ממש נישט צו טרעפן קיין איין הויז אין קראקא וועלכע איז נישט פאר טרפה'ט געווארן דורך זיי.

ווי דער הייליגער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל האט דאס אלעס געהערט, איז איהם פינסטער געווארן פאר די אויגן, און א קאלטער שווייס האט זיך אויף איהם באגאסן, און איז אונמאכטיג אריין געפאלן אין זיין שטוהל, ס'האט איהם אהנגעכאפט א ציטערניש אז מ'האט געהערט ווי די ציין קלאפן זיך איהם אין מויל, א הארץ שניידענדן קרעכץ האט זיך ארויס געלאזט פון זיין הייליגן מויל:

— אוי וויי! האט ער גענומען יאמערן — אזעלכע עבירות חמורות, ס'איז גאר־נישט מעגליך זיך מתבונן זיין אינדעם, ס'פאלט א פחד און א אימה פון די מורא'דיגע און שענדליכע חטאים עוונות ופשעים. אזוי פיעל כשר'ע און אומשול־דיגע מענטשן זענען פאר די צייט אוועק פון די וועלט, יונגע שעפעלאך פון די תינוקות של בית רבן, זייגענדיגע עופ־הילעך זענען וועגן דעם אוועקגעריסן געווארן! אוי וויי! וויפיעל תעניתים האב איך גוזר געווען און וויפיעל געבעט און תפילות האב איך ארגאניזירט און געזוכט פאריכטן אלעס וואס האט זיך געפאדערט אין די קהילה, אכטונג געבען ס'זאהל חלילה נישט פארקומען קיינע זינד אין די קהילה, אבער אויף אזוי א חורבן איז מיר גאר נישט איינגעפאלן, פון הימעל האט מען פון מיר פארבארגן און דאס אלעס פארהוילן כ'זאהל נישט זעהן און נישט הערן און נישט וויסן פון די צרה!

די צוויי שותפים, הערנדיג די פערצוו־ייפעלטע ווערטער פונ'ם רב האבן נאך א מאהל אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין, און קעגן זיי האט דער הייליגער רב פאר בראכן מיט די הענט, יאמערנדיג מיט געוואלדיגע בכיות נוראות: אוי לי שכך עלתה בימי! אויף א זעלכעס וואס האט דא געקענט פאסירן, אין זיין צייט ווען ער איז דא רב.

זייערע אויגן זענען שוין פשוט געש־וואלן געווארן פון וויינען און די טרערן־קוואלן אויס געטרוקענט, דער רב האט זיי מיט א טרויעריגע שטים געזאגט: געהט אהיים און צוברעכט אלע אייערע

פליישיגע כלים, חמץ׳דיגע און פסח׳דיגע, דען זיי זענען דאך טריפה, און צו מאר־גענס זאהלט איהר קומען צו מיר!

**פארזעצונג אין די קומענדיגע וואך אי״ה**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

**דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא**

**פון אריה ליפשיץ**

## א היסטאָרישע פאַסירונג

אין קורצן פון פריער: **א קצב האט געהאדעוועט 2 עלנדע יתומים, וואס זענען אויס געוואקסן קצב־יונגען — עם־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג צו זיי און הונגער לײדן ביי איהם, האבן זיי אונטער געדוקט פאר די קונדן טריפות וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גויים און פון דעם פארדיענסט האבן זיי געקענט צוקומען זיך אליין עפענען א יאטקע און דאס זעלבע ווייטער געטאהן און גרויסע נגידים געווארן. געטאהן פיינע שידוכים און אויך חתונה געמאכט קינדער אויפ'ן שעהנסטן אופן. טראָץ די אלע התעוררות'ן פאר תשובה וואס דער רב דער הייליגער בעל "מגלה עמוקות" זצוק"ל האט געמאכט און געזוכט מתקן זיין אלע פירצות אין דת איז נישט געלונגען צו כאפן דעם מקור פון די אלע אפטע אומגליקן וואס האבן רח"ל פאסירט אין שטאט. אין א טאג ווען איינער פון די קצבים האט זיך צו געהערט ווי איינער פון זיין הויזגעזינד האט ארויס געלערנט פון א ספר די הארבקייט פון איסור טריפות און נבילות און נאכמעהר דעם גרוילזאמען שטראף וואס ערווארטעט פאר דעם מכשיל הרבים אין דעם גרויסן חטא, איז ער זעהר צוטראגן געווארן, קיינער האט נישט געקענט ארויס באקומען וואס איהם דריקט אויפ'ן הארצן ביז מ'האט געמוזט ברענגען דעם שותף, מיט וועלכן ער איז ארויס אין א נאהנטן וואלד און אלעס דערצעהלט פאר איהם און ער איז אויך זעהר אומרוהיג געווארן. ביידע האבן באשטימט זיך מתוודה זיין פאר'ן הייליג'ן רב און בעטן ארויס געבן א תשובה. דער רב איז אויפגעשוידערט געווארן זיך דערוויסענדיג וואס אין זיין קהילה האט געקענט פאסירן, און אויך וועגן דעם שורש פון די פיעלע שוידערליכע אומגליקן וואס איז פארגעקומען אין שטאדט. דאס ערשטע האט ער זיי אהיים געשיקט צוברעכן אלע פליישיגע כלים וועלכע זענען דאך טריפה און זיי געהייסן קומען צו מארגענס.** און יעצט לייענט ווייטער:

## קראקא איז פוהל מיט בערג שברי כלים

ווי די צוויי קצבים זענען ארויס פון רבי'ס הויז, נישט קוקנדיג אויף די שפעטע נאכט שעה'ן האט דער רב גלייך געלאזט רופן די אלע נאהנטע הויפלייט מיט דעם בית־דין שמש און די אלע שוהל משמשים אין שטאדט און פאר זיי שטרענג אנגע־זאגט: גלייך מארגן פאר טאגס, זאהלן זיי אלע אויס רופן ביי אלע מנינים אין די קהלישע בתי־מדרש און אין די פריוואטע מנינים און וואו נאר ס'איז דא א קיבוץ פון אידן, ווי פאלגענד:

**בגזירת עירין קדישין** — אין נאמען פון רב דער מרא דאתרא איז מען גוזר אויף אלע איינוואוינער פון שטאדט דאס מ'זאהל **צו ברעכן די אלע בעסטע און שעהנסטע פליישיגע כלים פון פארצ־עלאן און ליים, טעפלאך און טעלער און אויך די זאלץ ברעטער — הן חמצ'דיגע און אויך די פסח'דיגע — א-ל-ע-ס ז-א-ה-ל מ-ע-ן צ-וב-ר-עכ-ן** און די פון האלץ **זאהל מען פארברענגען ס'זאהל פון זיי נישט פארבלייבן קיין שריד ופליט.** גלייכצייטיג זאל די קהילה צו שטעלן עטליכע פונקטן אויף צו כשר'ן די אלע כלי מתכות וואס ווערן כשר דורך כשר'ן און יעדער איינוואוינער דארף ברענגען אלע זיינע מעטאלענע געשיר און לאזן זיי כשר'ן אין די אנוועזענהייט פון א מורה הוראה. און ווער ס'וועט נישט מקיים זיין

דעם באפעהל זאהל ליגן אין **חרם** רח״ל.

ס'איז נישטא די פעדער וועלכע זאהל קענען באשרייבן דעם אויסזעהן פון די סצענע וואס האט אויס געזעהן מארגנ־דיגן טאג די גרויסע שטאדט קראקא! אין אלע גאסן און אונטער געסלעך האבן זיך געזעהן די אלע איינוואוינער, יונג און אלט, טראגן זיך מיט די געשיר, א סאך פעמיליעס האבן געמוזט צו נעמען צו הילף די קינדער, מיזאהל זיי העלפן טראגן די פיעלע כלים וועלכע מ'האט געטראגן אין פארשיעדענע ווינקעלעך אין שטאדט, דארט וואו ס'זענען געווען "צענ־טערס" אויף צוברעכן די כלים, גלייך ווי אין ערב פסח ביים "חמץ" פארברענען, די שטאדט האט אויס געזעהן ווי אין א פאגראם ה״י, עטליכע שעה איז די שטאדט פארוואנדעלט געווארן אין א גערויש פון די קלאפעריי און טראסקעריי פון די כלים, מיט אלע מיני מיטלען האט מען געזוכט צו מקיים זיין דעם שטרענגען באפעהל פונים באליעבטן רב און טרייער פאסטוך, טראץ דעם וואס קיינער האט נישט געוואוסט די אורזאך פון דעם צוב־רעכן, האט דאס א יעדער געטאהן און מקיים געווען בדחילו ורחימו, די טייע־רסטע און שעהנסטע סערוויזן וועלכע האבן געקאסט הון תועפות, זענען יענעם טאג צו שאטן געווארן אויף פיצ־פיצלאך און אין די גאנצע שטאדט איז שוין נישט געווען צו טרעפן א איינציגע כלי פון די סארטן וועלכע מ'האט צובראכן.

דאס זעלבע געטומל האט זיך איבערג־עחזערט ביים כשרין די מעטאלענע כלים. די שטאט איז פארוואנדלט געווארן אין א אטמאספערע פון ערב פסח. גאנצענע טעג זענען געווען פארנומען די קהילה־לייט מיט די אקציע פון כשר'ן די כלים און די טויזענטער קיכן. די רבנים זענען געווען באלאסטעט מיט שאלות, גאנצע רייען האבן זיך געשלענגלט ביי זיי אין הויז טאג טעגליך ביז אין די שפעטע אווענד שעה'ן.

די צוויי שותפים זענען אינדערפרי צוריק געקומען צום רב, ווי ער האט זיי נעכטיגן אווענד באפוילן. מיט שווערע געמיטער און מיט אראפ געלאזטע קעפ, צובראכן און טרויעריג זענען זיי אריין צום רב כדי צו הערן וואס ער וועט זיי אנווייזן אויף ווייטער צו טאהן.

ווען זיי זענען אריין צום רב, האט דער רב זיך פארשטעלט זיינע אויגן, און נישט געוואלט זיי קוקן אין פנים, ווי די הלכה איז: אסור להסתכל בפני רשע (מ'טאר נישט קוקן א רשע אין פנים) און ער האט זיי אזוי געזאגט:

— צו ארויס געבן א תשובה פאר א זעלכע גרויסע חטאים ווי טריפות און נבילות און נאך דערצו א איסור חֵלֶב וואס דער עונש איז כרת און אויסער דעם וואס דאס האט נאך צוגעברענגט שווערע און ביטערע אומגליקן רח״ל אויף די גאנצע באפעלקערונג אין אזוי א עיר ואם בישראל וואס אין פארלויף פון די **צעה־נדליקער יאהרן** האט איהר דאך מכשיל געווען **צעהנדליקע טויזענטער אידן**, ביי וועלכע מ'קען שוין צוזאמען שטעלן די געפערליכע עבירות אין די **מיליאנען** — אויף אזוי א הארבע תשובה מוז איך צו זיך נאך צונעמען א בית־דין פון גרויסע גדולי וצדיקי הדור מיר זאהלן אינאיינעם דורכטראכטן און איבער קלערן דעם ענין און ברוב יועץ וועלן מיר פראבירן אייך ארויס געבן א תשובה, אולי ירחם! דאס אייער תשובה אויף די פיעלע געפערליכע חטאים זאל מקובל ווערן. ביז דערווייל געהט א היים און איהר זאהלט זיך מתנזר זיין פון פארשידענע מעדנים. קיין שום פליישיגן מאכל זאלט איהר נישט עסן, קיין וויין נישט טרינקען און נאר אויף שבת פערזוכן, לכבוד שבת קודש, אויסער דעם קיין שום מאכל של תענוג זאהלט איהר נישט צוריהרן. ווען כ'וועל צונויף רופן די רבנים וועלכע איך האלט פאר וויכטיג און זיי וועלן שוין זיין ביי אונז אין קראקא דאן וועל איך אייך לאזן רופן.

זיי זענען דערווייל א היים געגאנגען, ס'איז איבעריג צו דערצעהלן דאס זיי האבן שטרענג איינגעהאלטן אלעס וואס דער רב האט אויף זיי ארויף געלייגט. פון

גוואלדיגן ערגעניש און חרטה בלב זענען זיי פארשווארצט געווארן ווי די בלאטע פון די ערד, איינגעבויגן און צובראכן ווי א צובראכענער שארבן, ס'איז זיי נישט געווען צו דערקענען.

די שטאד לייט זענען נאך געווען זעהר פארוואונדערט פון דעם באפעל וואס דער רב האט אזוי שטרענג באפוילן צו ברעכן די אלע פליישיגע געשיר, אבער צוליעב דעם באפעל פונ'ם רב נישט פרעגן קיין שאלות איז די זאך געבליבן דערווייל ארעטעניש.

דער הייליגער גאון — דער "מגלה עמוקות" זצ"ל האט אין צווישן ארויס געשיקט בריעף צו די רבנים און גדולי הדור פון די גאנצע אומגעגנד ער האט זיי פארבעטן אויף א בעשטימטן טאג צו זיין אין קראקא וועגן דורכשמועסן א וויכטיגן ענין ברוב יועץ.

א צוזאמענפאהר פון רבנים און גדולי ישראל, אין די שטאדט קראקא, וואס איז אויך אליין געווען א אכסניה פאר גדולי ישראל און תלמידי חכמים מובהקים, איז גאר קיין נייעס נישט געווען, גאנץ אפט האט פאסירט דאס ס'איז פארגעקומען אזעלכע אסיפות ביי וועלכע מ'האט געדארפט בעהאנדלען עפעס א געוויסן ענין פאר צרכי הרבים. אבער ווי געוועהנטליך ווען מ'האט צוזאמענגערופן אזא אסיפה האט מען שוין געוואוסט וואס ליגט אויפ'ן טיש און וואס מ'ברויך דן זיין, צו איז דאס א הלכה ענין, צו א געוויסער ענין וואס האט באלאנגט צום מלכות. דאס מאהל אבער זענען אלע זעהר איבערראשט געווען, נישט וויסנדיג קיין שפור וואס דא האט געקענט פאסירן!

נאר וויבאלד מ'האט באקומען א פערזענליכן בריעף פון דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" וואס איז געווען דער אניערקענטער רבן של ישראל און אז ער האט גערופן האט קיינער זיך נישט געוואגט נישט צו קומען אין די באשטימטע צייט.

אין דעם בעשטימטן טאג, איז די הויז פון דעם בעל "מגלה עמוקות" פוהל געווען מיט רבנים און גדולי תורה, דארט אליין האבן נאך די אנגעקומענע פראבירט צו שמעקן מיט וואס דא האנדעלט זיך, אבער אומזיסט איז געווען זייער בעמיהונג, דען קיינער האט טאקע נישט געוואוסט. צו די באשטימטע שעה זענען שוין געווען אלע איינגעלאדענטע רבנים אין דעם גרויסן בית המדרש און אלע האבן שוין פארנומען די זיץ פלעצער און בראש איז געזעסן דער מרא דאתרא דער בעל "מגלה עמוקות".

לויט דעם באפעל פונ'ם רב, איז דער בית-דין שמש געקומען אין די באגלייטונג פון די צוויי שותפים — די קצבים. די גוואלדיגע פירכטליך בילד, ווי די פיעלע רבנים און גדולי תורה פון דעם דור, ווי זיי זענען געווען אויס געזעסן בחצי גורן עגולה (האלב-רונדיג) ממש ווי די סנהדרין, די שעהנע איידלע געזיכטען מיט די פאטריארכאלע און הדרת-פנים'דיגע תורה אויטאריטעטן, איז גענוג געווען צו געבן די פאסענדע שטימונג פון דעם מעמד. ווי מ'האט נאר באמערקט אז דער בעל "מגלה עמוקות" האלט אין אנפאנגען צו רעדן, איז געווארן א גוואלדיגע שטילקייט וואס איז נישט צו פארשטעלן, זיין הייליגער געזיכט איז געווען ווייסקאלך, מיט א ציטערנדיגע שטימע, ביי וועלכע מ'האט געקענט גוט פיהלן זיין צובראכן געמיהט, האט ער אויס גערופן מיט א מורא'דיגע שטימע צו די צוויי שותפים:

**— דערצעהלט נאך א מאהל פאר דעם בית-דין הגדול דאס שרעקליכע וועלכעס איהר האט פאר מיר דערצעהלט!...**

א אימה'דיגע שטילשווייגענדע וויילע האט אין בית המדרש געהערשט, אלע אויגן און אויערן זענען געווען א צונד פארווענדעט צום ריכטונג פון די צוויי שותפים — קצבים וועלכע זענען געשטאנען אין דערמיט אנטקעגן די אלע רבנים, מיט אראפגעלאזטע קעפ און מיט גרויס בושה. געקרעכצט און געיאמערט און מיט וויינענדיגע שטימען, האבן זיי אנגעפאנגען רעדן, ס'האט אויס געזעהן צוויי נפטרים רעדן ארויס פון זייער קבר,

בעטענדיג א תיקון פאר זייערע זינדיגע נשמות. אזוי האט איינער אהנגעהויבן און דער אנדערער נאך איהם שטילער נאכגעזאגט:

— ס'איז שוין א סאך צעהנדליגער יאהרן ווען פון קינדווייז אהן זענען מיר ל״ע פארבליעבן קיילעכדיגע יתומים און נישט אנגעיאגט צו עפעס באקומען א ערציהונג ביי אונזערע עלטערן, אריינגע־פאלן זענען מיר ביי א פעטער וועלכער האט אונז נאר אויסגענוצט, נישט ערציה־ענדיג אונז און נישט געבנדיג די מינד־עסטע געלעגנהייט צו עטוואס וויסן פון אידישקייט, געבליעבן גראבע קצב־יונגען, עם־הארצים, קיין עסן צו זעט און קיין מלבוש האט ער אונז אויך נישט געגעבן... ביז די פינסטערע מינוט איז געקומען און מיר זענען געקומען אויף א בייזן געדאנק ווי זיך צו פארבעסערן אונזער לאגע, און גלייכצייטיג אריין אין דעם שוואונג פון מכשיל זיין את הרבים מיט דעם איסור פון חֵלֶב, טריפות און נבילות, קיין אהנונג וואס דאס מיינט דער איסור אדער וואס דאס קען צו ברענגען האבן מיר נישט געהאט, אפילו מיר האבן געוואוסט אז דאס איז א עוולה אבער געמיינט האבן מיר דאס ביי אונז איז דאס א פיקוח נפש פראגע און אזויפיעל האבן מיר געוואוסט אז פיקוח נפש איז דוחה אלעס, און אזוי האט אונז דער שטן אריין געכאפט אין זיין נעטץ און שוין עטליכע צעהנדליגער יאהרן ווי מיר זענען מכשיל די גאנצע שטאדט מיט איסור חֵלֶב, טרי־פות און נבילות, אז ס'איז כמעט נישט צו טרעפן קיין הויז אין די גאנצע שטאדט וואס איז נאך נישט פאר טריפה'ט דורך אונז, אין די צייט האבן מיר זיך גרויס פארמעגן ערווארבן, א ריזן פארמעגן, הייזער, גיטער, פאבריקן, בריליאנטן און כל מיני אבנים טובות, גאלד זילבער א.ד.ג., מיר האבן געטאהן שעהנע שידו־כים און א סאך צדקה פארטהיילט. און אזוי האבן זיי אראפ געלייגט פאר די רבנים זייער גאנצע דורכלעבעניש ווי ס'איז שוין פאר אונז באקאנט, דא לעצטנס זענען מיר דערגאנגען די הארב־קייט פון אונזערע שענדליכע מעשים, על כן בעטן מיר מ'זאהל אונז ארויס געבן א תשובה אויף אונזערע ביטערע חטאים, מיר זענען גרייט אויף דאס ערגסטע און שווערסטע כדי מיר זאהלן אפקומען אויף דעם עולם און נישט דארפן פארווארפן זיין פון אלע ביידע עולמות ח״ו.

די גאנצע צייט וואס זיי האבן גערעדט און געשילדערט זייער דורכלעבעניש און די גאנצע השתלשלות ביז זיי זענען צוגע־קומען צום געדאנק תשובה טאהן, זענען די אלע פארזאמעלטע רבנים אויפגעשוי־דערט געווארן, זיי האבן געהאלטן אין איין ציטערן און פון זייערע אויגן האבן געפלאסן טרערן גלייך ווי די וואסער פון א קוואל, און ווי נאר זיי האבן אויף געהערט צו דערצעהלן דאן האבן אלע אויס געב־ראכן אין א ביטערן היסטערישן געוויין, מ'האט געקלאגט און געיאמערט, ס'האט אויס געזעהן גלייך ווי נאר יעצט איז דער בית המקדש חרוב געווארן.

אלע אנוועזענדע זענען שוין געווען מאכטלאזיג פון די געוויינעריי, ס'האט זיך נאך פון דעם אדער פון יענעם רב דערהערט א טיעפן זיפץ און קרעכטץ, אין די געדאנקען איז זיי דורכגעלאפן די אלע יאהרן, די פארשיעדענע טראגעדיעס און ליידן פון וועלכע ס'האבן אזויפיעל אומ־שולדיגע געליטן. **וועה, וועה!** האבן זיי געיאמערט, ״כל המאבד נפש אחת מישראל״ ווען אימיצער איז גורם צו אומברענגען איין אידיש נפש איז גלייך ווי ער האט די גאנצע וועלט חרוב געמאכט, און דא וויפיעל אומגליקן און אומגעקו־מענע נפשות זענען דורך די שענדליכע טהאטן אומגעקומען, יעדערער פון די גרופענע רבנים האט ווי צו זיך גערעדט און דורכגעגאנגען א שקלא וטריא צו מיקען נאך טרעפן פאר די חוטאים ומח־טיאים הרבים א תיקון אויף אזויפיעל עבירות און אומגליקן! מיר ווייסן דאך אז ווער ס'איז א חוטא ומחטיא את הרבים אין מספיקים בידו לעשות תשובה, אויך ווען ער האט מיט זיך א באגאזש פון תורה מיט מעשים טובים.

אנדערע וואס האבן אין אנפאנג אפילו געוואלט זאגן דאס מיט א געוויסן עונש וועלן זיי אפקומען, אבער באלד איז ער געקומען צו א מסקנה אז דאס אלעס איז צו ווייניג קעגן אזויפיעלעבירות, אבער צו קיין ענטשלאסענקייט אויף א געוויסן עונש מיט וועלכן זיי זאהלן קענען אפקומען אויף דעם עולם איז דערווייל נאך קיינער נישט צו געקומען.

**(פאהרזעצונג — די קומענדיגע וואך אי״ה).**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

**דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא**

**פון אריה ליפשיץ**

## א היסטאָרישע פאַסירונג

אין קורצן פון פריער: **א קצב האט געהאדעוועט 2 יתומים, זיי זענען אויסגעוואקסן קצב־יונגען — עם־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג האבן זיי הונגער געליט־ן.כדי זיך פארבעסערן די לאגע האבן זיי פאר די קונדען, אומוויסנדיג, אונטער גערוקט טריפה פלייש וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גויים. אזוי האבן זיי אפגעש־פארט א קאפיטאל און געעפנט א אייגענע יאטקע. זיי האבן זיך ווייטער אזוי געפירט און רייך געווארן, געטאהן פיינע שידוכים, חתונה געמאכט קינדער. צוליב שווערע אומגליקן ר"ל אין שטאט האט דער רב — דער בעל מגלה עמוקות זצ"ל גוזר תענית געווען מעורר בתשובה געווען און אלץ נישט דערגאנגען עפעס א פארברעך, ביז ווען איינער פון די שותפים האט געהערט איינם פון זיין הויזגעזינד לערנדיג די הארבקייט פון די עבירה און ער איז ערוועקט געווארן צו תשובה. ער האט אויך דעם שותף געברענגט צו תשובה. נאכ'ן זיך מתוודה זיין פאר'ן רב האט דער רב צוזאמען געשטעלט א בית־דין הגדול מ'זאהל זוכ'ן א דרך תשובה פאר די צוויי. בעפאר דעם האט דער רב באפוילן בחרם חמור די אלע איינוואוינער זאהלן צוברעכן אלע כלים וואס מ'קען נישט כשר'ן און כשר'ן די וועלכע מ'קען יא כשר'ן. זאלן זיי קומען הערן דעם סדר התשובה פון דעם בית־דין הגדול.** און יעצט לייענט ווייטער די סדרי התשובה:

די שותפים זענען געשטאנען פאר'ן בית־דין באימה וביראה, צוהערנדיג די אלע אימה'דיגע שילדערונגען. די בלוט האט אין זיי שיעור נישט פארגליווערט. יעדער אויסזיכט אז אט דא האט שוין ווער פון די רבנים פאר זיי אויסגעפונען א תשובה האט ביי זיי אהנגעצונדן א פונק פון האפענונג, אבער באלד איז דאס פאר־לאשן געווארן, ז'ען די מסקנא איז געווען אז דאס איז צו ווייניג, דאס וואס האט זיי געטראפן ווי א דונער אויף זייערע קעפ און געפרעסט אויף זייער הארץ ווי די שווע־רסטע וואלט דערויף געלעגן, זיי האבן געשפירט א פארביטערניש גלייך ווי די גאל וואלט ביי זיי צו גאָסן געווארן, זיי האט זיך שוין געדוכט אז די רבנים וועלן זיך פון דא אוועק גייען און קיין היילונג פאר זייערע נשמות נישט טרעפן.

נאך א היבשע צייט ווי זיי האבן געזעהן אז זיי זענען ווי האפענונגסלאז האבן זיי זיך א שליידער געטאהן אויף דער ערד און גענומען שרייען און וואויען ווי די בהמות ווען מ'ווארפט זיי אום פאר די שחיטה און מיט די לעצטע אהנגעשטרענגטע קרעפטן האָבן זיי זיך גענומען שרייען און ריטשען:

— **הייליגע רבנים! ה-א-ט ר-ח־מ-נ-ו-ת א-ו-י-ף א-ו-נ-ז-ע-ר-ע נ-ש-מ-ו-ת** רעכנט זיך גאר נישט מיט אונזערע קערפערס! איהר קענט אפילו הייסן שניידן פון אונז שטיקער פלייט און איברים און די וואונדן באשיטן מיט זאלץ, אלעס וועלן מיר אהנעמען פאר ליעב, מיר וועלן אפילו קיין פיפס נישט טאהן, מיר באשטייען אויף אלעס מיט כל מיני יסורים וואס אין דער וועלט, דער עיקר מיר זאהלן ראטעווען אונזערע נשמות פון פארלוירן ווערן אין די קומענ־דיגע וועלט!

ווען דער "מגלה עמוקות" האט צו געזעהן דאס צווייפלונג פון די איינגעז־אמעלטע רבנים און דאס ביטערע קלאגן פון די שותפים מיט זייער תמימות'דיגע ערנסטקייט און שטארקן ווילן צו

אפקומען פאר זייערע זינד, האט איהם ארום גענומען טיעפע רחמנות געפיהלן און ווי א געטרייער פאסטוך און א מליץ טוב האט ער זיך געווענדעט צו די אלע פארזאמעלטע גדולי התורה מיט ווייכע תחנונים'דיגע רייד:

מיט הארץ־ריהרענדע ווערטער האט ער אנגעפאנגען — זעהר חשוב'ע גדולי התורה פון דעם צוזאמענגערופענעם בית־דין הגדול! מיר געפינען דאך אין די הייליגע חז"ל דאס מ'קען טרעפן א דרך תשובה אויף די שטרענגסטע עבירות, און דאס תשובה שפאלט אלע הימלען און מאכט אויף אלע פארשלאסענע טויערן! אויך מנשה מלך יהודה, האט אוועקגעשטעלט א צלם אין בית המקדש און מחטיא געווען את הרבים, ווען ער האט תשובה געטאהן האבן די מלאכים פערשלאסן די שערי תשובה, נישט צולאזנדיג אז דאס זאהל אהנגענומען ווערן — אבער השי"ת דער חנון המרבה לסלוח וואס זאגט: כי לא אחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכו וחיה — האט זיך אויך אויף איהם מרחם געווען און אויף געמאכט פאר איהם א אונטער־טהירל אונטערן כסא הכבוד און זיין תשובה איז אהנגענומען געווארן! איז אויב השי"ת האט זיך מרחם געווען איבער יענעם שרעקליכן חוטא — פארוואס זאהלן מיר זיך נישט מרחם זיין איבער די צוויי לייט, וואס האבן דאך געטאהן אומוויסענד!

די הארציגע ווערטער האבן גוט געטראפן צום ציל און זעהר באריהרט די אלע רבנים, זייערע הערצער זענען דערפיעלט געווארן מיט רחמנות קעגן די צוויי וועלכע זענען אזוי געלעגן מיט די פנים'ער צו די ערד. מ'האט באשטימט דאס די צוויי שותפים זאהלן דערווייל געהן אהיים און מ'וועט דא איינאיינעם גוט איבער האנדלען דעם ענין און זעהן ארויס געבן פאר זיי א פאסענדען דרך תשובה כדי צו ראטעווען זייערע נשמות פון אייביג צו פארלוירן ווערן ח"ו.

## די צדיקי הדור פארטיעפן זיך.

**ווי נאר די צוויי שותפים האבן זיך געלאזט ארויס גיין האבן די אלע פארזאמלטע גדולי התורה באלד זיך גענומען נאכקלערן און נאכזוכן אין די געדאנקען עפעס א עהנליכן פאל וואס זאהל שוין זיין ערגעץ וואו געבערענגט, און ווען מ'האט נישט געטראפן אזעלכעס האט מען דורכגעקלערט די אלע ענינים וועלכע רעדן זיך פון מכשיל זיין את הרבים און גורם זיין אומגליקן אויף אנדערע. וואו נאר אזא סארט ענין ס'ווערט געברענגט אין ש"ס ופוסקים, ראשונים און די אחרונים, ספרי מוסר און דרוש א.ד.ג. האבן זיי נישט אדורכגעלאזט, מ'האט די אלע איסורים וועלכע זענען געבונדן צו דעם פאל גוט דורכגענישטערט, איבערהויפט וועגן איסור חֵלב מיט דעם עונש כרת דערפאר און גלייכצייטיג גרונדליך באהאנדעלט דעם געפערליכ'ן ענין פון מכשיל זיין את הרבים א.א.ז.וו., דער בית־דין שמש איז געווען פוהל מיט ארבייט, ער האט געדארפט דערלאנגען די אלע געפאדערטע ספרים וואס די תורה לייבן האבן געפאדערט, ווען זיי האבן געוואלט גוט דורכקוקן אין דעם מקור. אויך דער מגלה עמוקות האט צו געשטעלט גאר טייערע ספרים, וועלכע זענען נישט געווען בנמצא, פון זיין פריוואטע ביבליאטעק. ס'האבן זיך ווי געוועהנטליך געשאפן שארפע פלפולים און וויכוחים אין דעם געביט, דער האט עפעס געברעגט און דער האט דאס צו נישט געמאכט, דאס וואס האט זיך געצויגן ביז גאנץ שפעט אין דער נאכט אריין. ווען די רבנים זענען שוין גוט מיעד געווען, האט דער מרא דאתרא געזעהן דאס מ'זאהל שוין די שקלא וטריא צייטווייליג שליסן און דאס איבערלאזן אויף צומארגינס. מ'האט אהנגעזאגט דעם בית־דין שמש דערווייל גארנישט דערצעהלן פון דעם גאנצן ענין וועלכער איז דארט באהאנדעלט געווארן אפילו נישט מיט דעם מינדעסטן רמז. די**

חשוב'ע בעלי־בתים פון קראקא האט יעדערער צו זיך מיטגענומען איינעם פון די רבנים פון דער פרעמד אויף נאכטלעגער און צו עסן נאכט־מאהל און געוועהנטליך אויף פריהשטיק.

ווי ס'איז נאר טאג געווארן האבן זיי זיך געאיילט צום דאווענען און גלייך נאכ'ן דאווענען זיך געלאזט צום ריכטונג פון די גרויסע שוהל, דארט וואו זיי האבן ממשיך געווען אין אויסגעפינען א סדר תשובה פאר די חוטאים אויף א אופן דאס סיי זיי זאהלן אויסגעלויטערט ווערן פון זינד און זאהלן אויך דאס קענען איבערטראגן און אויף אלעס אפקומען אויף דעם עולם און קומען ריין אין די קומענדיגע וועלט. די ארבייט איז גארנישט אזוי לייכט אהנגעקומען, דאס האט גענומען עטליכע טעג אין וועלכע מ'האט זיך אפגעגעבן בלויז אין דעם ענין אליין.

ביז דערווייל זענען די ביידע קצבים געלעגן ביי זיך ערגעץ אין א צימער, אפגעזונדערט אהן קיין שום פארבינדונג מיט גוטע פריינד און פעמיליע, קיינעם צו זיך נישט צו געלאזט, ביטער געוויינט ביז דער טרערן קוואל האט זיך שוין ביי זיי אויסגעטרוקענט, און מ'האט זיי נאר געהערט זיפצען און קרעכצען, כמעט ווי נישט געגעסן אזוי ווייט דאס זייערע פנימ'ער זענען פארשווארצט געווארן.

די גאנצע צייט האט נאך קיינער אין קראקא נישט געוואוסט וועגן וואס די רבנים זענען געקומען צו פאהרן און ס'איז קיינעם נישט איינגעפאלן אז דאס האט עפעס וואס א שייכות מיט די קצבים, דען ביי די באראטונגען איז קיין פרעמדער, אויסער דער בית דין שמש, נישט אנוועזענד געווען און דאס האט זיך געפירט מיט די גרעסטע מאס שטרענגע געהיימניס, אויך דאס הויזגעזינד. פון די קצבים האבן גאר נישט געוואוסט, אויך ווען זיי אלע האבן זיך גענומען ארום זיי און זיי צוגעשטאנען זיי זאהלן עפענען די מיילער און ווייניגסטן עפעס א רמז געבן אויף וואס ס'דריקט זיי אויף דעם הארצן, זיי האבן ווי געשטומט, נאר געקלאגט און געוויינט, ווען ס'איז עפעס זיך אנגעקליבן טרערן אין זייערע פארטרוקענדע טרערן קוואלן. אלע תחנונים פון זייערע בעליעבסטע האט נישט געהאלפן צו ארויס באקומען פון זייער מויל א ווארט וועגן די אורזאך פון זייער ענדערונג אין זייער גאנצן לעבן די לעצטע פאר וואכן, דאס וואס האט אויך געברענגט א גרויס מיטלייד און אויסגערופן גרויס ערגעניש ביי די גאנצע פעמיליע, וועלכע אין מיט'ן סאמע ברען פון בליהונג איז געקומען אט דער וואלקען וועלכער האט ווי פארנעפעלט זייער גאנצן לעבן וועלכן זיי האבן ביז אצונד אזוי גליקליך און צופרידן געפיהרט.

## דער סדר התשובה

ענדליך איז שוין צוגעקומען דער טאג, אין וועלכן די אלע פארזאמעלטע גדולי התורה און צדיקי הדור זענען געקומען צו א אפגעמאכטען סדר תשובה וועלכע אלע, אהן אויסנאם, האבן געהאלטן דאס ווען די שותפים וועלן דאס אויסהאלטן און ריכטיג נאכקומען וועלן זיי שוין קענען פאררעכנט ווערן אלס ריכטיגע בעלי תשובה. דאן האט דער מרא דאתרא, דער הייליגער בעל "מגלה עמוקות" זצוק"ל געלאזט רופן די קצבים זיי זאהלן קומען און זיך שטעלן פאר די אלע אנוועזענדע רבנים.

ווי נאר זיי זענען אריינגעקומען, און ווי די אלע גדולי התורה און צדיקי אמת, וועלכע האבן גוט מיטגעפיהלט דעם פיין זייערן, זעהנדיג די פערשוינען ווי שלעכט זיי האבן אויס געזעהן, ממש נישט צו דערקענען פון זייט זיי האבן זיך מתוודה געווען, אויסגעטריקענט, פארשווארצט און פארשמאכטעט, בלייך און געל גלייך ווי נוטים למות רח"ל, און קוים זיך געהאלטן אויף די פיס, זענען זיי ממש אויפגעטרייסלט געווארן און מ'האט אויסגעבראכן אין א געוויין, צוקוקנדיג דעם צער און די יסורים זייערע אויף די עבירות. די הערצער זייערע זענען פוהל

געווארן מיט רחמנות, זיי האבן זיך געק־ארטשעט און זעהר באריהרט געוועז, סיהאט זיך דערהערט ווי מ׳זאגט: ״זיי זענען דאך שוין ממש בעלי תשובה גמו־רים״ — זייער בלוט און פלייש איז דאך גלייך ווי א קרבן וואס האט עולה געווען אויף דעם מזבח פון תשובה! א זעלכע און עהנליכע אויסרופן האבן זיך אינדע־רשטיל דערטראגן פון די פארזאמעלטע רבנים, ביי וועלכע די שטימע האט געצי־טערט און זייערע אויגן האבן געפליסט טרערן.

די צוויי זענען שטיין געבליבן ביי דער טהיר פון בית המדרש מיט אראפגעל־אזטע קעפ, דאן האט דער הייליגער בעל מגלה עמוקות זיי געפרעגט:

— זענט איהר גרייט נעמען אויף זיך דאס אלעס וואס דער בית־דין הגדול וועט אויף אייך ארויפלייגן און וואס מ׳וועט אייך הייסן?

— **יא!!!** — האבן זייביידע א ענטפער געגעבן און דאס הויך געזאגט מיט אלע איבערגעבליעבענע כוחות — אויך ווען איהר וועט אונז הייסן מיר **זאהלן זיך לאזן צושניידן אויף שטיקער** לעבעדיגערהייט וועלן מיר דאס אהנ־עמען מיט ליעבשאפט! ס׳וועט נישט אויספעלן אונז צו בינדן, מיר וועלן בלייבן רוהיג און פארנעמען די גרעסטע יסורים מיט ליעבע און שטילשווייגענד, מ׳וועט פון אונזער מויל קיין פיפסט נישט הערן, נאר זאגן: ״ס׳זאהל זיין א כפרה פאר אונזערע נידערטרעכטיגע זינד״!

**דער ערשטער טהייל סדר התשובה**

אויב אזוי הערט צו וואס דער בית־דין הגדול האט בעשטימט:

געהט א היים און איהר זאלט אלעס טאהן געגוי ווי מיר זאגן אייך אהן. די זאכן פון אייערע קינדער, די מלבושים, ציהרונג א.ד.ג. זאלט איהר פאר זיי אפגעבן און גלייך זאלן זיי זיך ארויס־ציהען פון זייערע וואוינונגען וואס איז ביי אייך אין הויז. פאר אייערע פרויען זאלט איהר נישט איבער לאזן מער ווי די מלבושים און בעטגעוואנד, אבער נישט קיין ציהרונג. פאר אייך זעלבסט זאלט איהר אויך קיינע מלבושים נישט איבער־לאזן, נישט מער ווי איין אלט העמד אויפן קערפער מיט א אלטע פאר הויזן, איין טלית קטן, א לאטע פאר שיך אויף די פיס און א פראסט געמיין אויבער מלבוש. דאס אלעס איבעריגע וואס וועט בלייבן זאלט איהר ארויסלייגן אין הויף פון אייער הויז און דאס אלעס פארבר־ענען אויף אֵש. אין דעם פייער זאלט איהר ווארפן אלע חפצים אייערע, ס׳זאהל קיין נאדל נישט פארבלייבן, נישט פון די מלבושים, וועש, ציהרונג, מעבעל, וועגנער און שליטנס, די בעסטע און טייערע דיוואנען, ס׳זאל גאר נישט זיין ביי אייך א שאד און ס׳זאל דערפון נישט פארבלייבן קיין שריד ופליט! נאכדעם זאלט איהר פערקויפן די אלע בעלי חי פון אייער פארמעגן, פערד, בהמות, עופות א.ד.ג. אויך אייערע נכסי דלא־ניידי — הייזער, פעלדער, גערטנער א.ד.ג. און דאס גאנצע געלט דערפון פארברענען געגצליך און דאס אפילו נישט פערטהיילן אויף צדקה, דאס זאהל זיין אסור בהנאה! די ווייבער אייערע זאלן זיך אויפהאלטן ביי די קינדער, און ווי איהר וועט שוין דאס אלעס האבן דורכגעפירט זאלט איהר אייך אומקערן צו מיר און כ׳וועל אייך זאגן וואס איהר האט ווייטער צו טאהן.

ס׳איז איבעריג צו דערצעהלן, דאס די ביידע שותפים זענען שנעל געלאפן און זיך גענומען דורכפירן אלעס ווי מ׳האט זיי געזאגט. מ׳קען זיך אליין פארשטעלן ווי די אלע מענטשן פון די הויזגעזינד זענען שאקירט געווארן פון דעם אלעס וואס זיי האבן געהערט. זיי האבן שוין געוואוסט די אורזאך פון זייער גאנצער איבערלעבעניש די לעצטע צייט מיט די אויסערגעוועהנטליכע פיהרונג. געוועה־נטליך איז פאר די שותפים נישט צו שווער אנגעקומען צו פועלן ביי די הויז־געזינד צו פארציכטן אויף דעם גאנצן רייכטהום און זיך איבערקלויבן אויף

גאר א אנדער לעבן, דען די משפחה האט געוואוסט ווי ווייט דאס באריהרט זיי און זיי אליין האבן טאקע אויך געהאט אינטערעס דאס דער מאן־פאטער־שווער און זיידע זאהל אפקומען אויף דעם עולם און נישט צו בלייבן פארשעמט און אונגליקליך אויף ביידע וועלטן, טראץ זייער בושה וואס זיי פערזענליך האבן דא מיט געמאכט. זיי האבן טאקע באלד גענומען דאס גאנצע פארמעגן — נאכדעם ווי די אלע פעמיליעס האבן זיך אוועק געצויגן פון דארטן — אונטערגע־צונדן אלעס אהן קיין שום אויסנאם. צוליעב דעם גרויסן און ריזן פארמעגן האט דאס פארברענען גענומען א היבשע פאר טעג. שטייענדיג ביים ברענען האבן זיי זעהר הנאה געהאט און זייערע ליפן האבן געשעפשעט א תפילה דאס זייערע חטאים זאלן אזוי ברענען, און הארציג מתפלל געווען דאס מיט דעם פייער וואו זייער האב און גוטס ווערט פארברענט זאהלן זיי דערמיט אפקומען זייערע חטאים און זייערע נשמות זאהלן נישט דארפן ברענען אין די צוקונפטיגע וועלט. נאכדעם ווי זייער גאנץ פארמעגן איז שוין געווען פארברענט און אלעס וואס זיי האבן זיך ערווארבן אין פארלויף פון די עטליכע צעהנדליגע יאהרן, זענען זיי צוריק געקומען צום רב דער הייליגער "מגלה עמוקות" זצוק"ל כדי צו הערן וואס זיי דארפן ווייטער טאהן.

### דער צווייטער טהייל
### פון סדר התשובה

—אצונד, האט איהר שוין פארברענט אייער גאנץ האב און גוטס וואס איהר האט זיך ערווארבן פון די דברים של איסור — האט דער "מגלה עמוקות" צו זיי געזאגט — ס'זענען אבער נאך איבער געבליבן די מלבושים אין וועלכע איהר זענט אנגעטאהן, דעריבער זאהלט איהר זיך ארויס לאזן איבער די שטאט, און געהן פון טהיר צו טהיר בעטלען נדבות, נישט קוקן אויף די בושה. איהר זאלט דווקא געהן ביי די היימישסטע הייזער, נאכדעם ווי איהר וועט שוין האבן צונ־ויפגעלעגט עטליכע גילדן זאלט איהר ארויס אויף דעם שטאט מארק וואו מ'פארקויפט די אלטע אויסגעניצטע זאכן, איהר זאהלט זיך קויפן פאר די פאָר גילדן פראסטע לייווענטענע הויזן, אלטע אויסגעטראגענע מלבושים, א אלטן טלית קטן, א פאָר אלטע אויסגע־ריבענע שיך און א פראסטן ווינטער היטל. די דאזיגע טראגע זאלט איהר זיך אנטאהן און די יעצטיגע מלבושים זאלט איהר פארברענען, ווייל דאס איז נאך אויך שיריים פון דעם וואס איהר האט אייך ערווארבן פון די פארדינסטן פון דעם מאכיל זיין טריפות און חֶלב פאר אידישע קינדער. אזוי זאלט איהר זיך פארזיכערן דאס אפילו קיין איין פאדעם פון די טריפה געלד זאל נישט ארויף אויף אייך, און נאר אלטע בגדים פון די אויס־געבעטלטע געלד ביי וועלכע איהר האט געליטן בושות וואס דאס איז אויך א אפקומעניש אויף אייערע עבירות. ווי נאר איהר וועט האבן דאס אויס געפיהרט זאהלט איהר ווידער צו מיר קומען און כ'וועל אייך זאגן וואס איהר האט ווייטער צו טאהן.

מיר וועלן טאהן אלעס וואס דער היי־ליגער רבי וועט אונז הייסן — איז געווען דער אנטווארט פון די בעלי תשובה, מיר ווילן בעסער פארשעהמט ווערן אויף דעם עולם ווי איידער אויף די אנדערע וועלט.

**דער המשך פון דעם סדר התשובה קומענדיגע וואך אי"ה.**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פּאַסירונג

אין קורצן פון פריער: **א קצב האט געהאדעוועט 2 יתומים, זיי זענען אויסגעוואקסן קצב־יונגען — עס־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג האבן זיי הונגער געליטן, כדי זיך פארבעסערן די לאגע האבן זיי די קונדן אומוויסנדיג אונטער גערוקט טריפה פלייש וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גויים, אזוי האבן זיי אפגעשפארט א קאפיטאל און פאר זיך אליין געעפנט א יאטקע און ווייטער זיך אזוי געפירט און רייך געווארן, געטאן פיינע שידוכים, חתונה געמאכט קינדער. נאך שווערע אומגליקן רח"ל אין שטאט האט דער רב — דער מגלה עמוקות זצ"ל גוזר תענית געווען, מעורר תשובה געווען און אלץ נישט דערגאנגען עפעס א פארברעך ביז ווען איינער פון די שותפים האט געהערט אימיצן פון זיין הויזגעזינד לערנדיג די הארבקייט פון די עבירה און איז ערוועקט געווארן צו תשובה און אויך דעם שותף געבערענגט צו תשובה, נאכן זיך מתודה זיין פאר'ן רב האט ער צוזאמען געשטעלט א בית־דין הגדול מ'זאהל זוכן א דרך תשובה פאר די צוויי און בעפאר דעם האט דער רב באפוילן בחרם חמור די אלע איינוואוינער זאהלן צוברעכן אלע כלים וואס מ'קען נישט כשר'ן און כשר'ן די וועלכע מ'קען יא כשר'ן, נאכדעם זענען זיי געקומען הערן דעם סדר התשובה פון דעם בית דין הגדול — נאך לאנגע שקלא־וטריא'ס פון די רבנים איז אויסגעשטעלט געווארן א סדר התשובה וועלכן זיי האבן דאס גערן אהנגענומען, לויט דעם האבן זיי פאר די קינדער אוועק געגעבן זייערע נויטיגע זאכן און פארשיקט פון זייער הויז און דאס אלעס איבעריגע פארברענט און נישט געלאזט קיין שריד ופליט פון די ערווערבונג באיסור, יעצט האט זיי דער "מגלה עמוקות" געהייסן דאס אפילו די בגדים וואס איז זיי געבליבן אויף זייער לייב דארפן זיי אויך פארברענען, נאר פאר דעם זאלן זיי ארום גיין אין שטאט און בעטלען געלד, כדי די אלטע בגדים וואס זיי וועלן זיך קויפן אויף זיך אנצוטאן זאן זיין פון כשר געלד. און** יעצט לייענט ווייטער

### די נעכטיגע נגידים געהן ארום בעטלען

די איבערראשונג אין קראקא, ווי מ'האט דערזעהן די צוויי גרויסע נגידים און די בעליעבטע אהנגעזעהנע בעלי־בתים פון שטאט ווי זיי האבן זיך ארומגעדרעהט נאך א נדבה איז געווען זעהר גרויס. אין אנפאנג האט מען זיי נישט דערקענט, צוליעב זייער געמיינע קליידונג און אויך צוליעב זייער פארצערט געזיכט וואס זיי זענען נשתנה צורה געווארן אין די תקופה פון ווען זיי האבן באשטימט תשובה טאהן. מ'האט זיך דאס נישט געקענט גלויבן, אבער ענדליך ווען מ'האט זיך איבערצייגט אז מ'מאכט נישט קיין טעות און דאס זענען

טאקע ווירקליך די צוויי שותפים, איז מען אויפגעטרייסעלט געווארן. איבער הויפט צוליעב די פאפאלערישקייט צו זיי מצד די אלע שטאט לייט, מ'האט זיי ישטענדיג געשעצט וועגן זייערע צדקות און בכבוד'דיגע באשטייערונגען לכל דבר שבקדושה, צוליעב זייער העפליכע באציהונג מיט אלע שטאט לייט, אָרים און רייך, דערפאר ווער ס'האט זיי געזעהן אין אזא געפערליכ'ן צושטאנד איז צושווידערט געווארן און באדויערט ווי זיי זענען צו געקומען צו אזא ירידה, מ'האט געמיינט אז דאס רעדל האט זיך ביי זיי איבער געדרייעט און זענען געווארן "יורדים מנכסיהם" רח"ל, און טאקע וואו זיי זענען געגאנגען האט מען זיי געוואלט געבן שעהנע נדבות אבער זיי

האבן נישט געוואלט צו נעמען מעהר פון איין איינציגן גרייצער — צו לייגענדיג: "זאל אונז דאס צונויפבעטלען זיין א ביסעל א אפקומעניש אויף אונזערע געפ־עריליכע זינד". זיי אליין האבן נישט געוואלט זיין קיין גרעסערע מיוחסים ווי אלע אנדערע ארחי־פרחי וועלכע האבן זיך ארום געשלעפט איבער די הייזער, פון שטאט צו שטאט און פון דארף צו דארף, דען זיי איז דאס אויס געקומען דאס אויב זיי וועלן נעמען שעהנערע נדבות צוליעב זייער פארגאנגענהייט וועט דאס גלייך זיין ווי זיי האבן הנאה פון די טריפות און נבילות מיט די חֵלֶב וועלכע זיי האבן מכשיל געווען אזוי פיעל אידן. דאס האט טאקע געברענגט דאס נישט אזוי שנעל האבן זיי געקענט צוזא־מענשטעלן די נויטיגע סומע.

## דעם ווייטערדיקן "סדר תשובה"

מיט דעם צונויפגעקליעבן געלט האבן זיי זיך געקויפט א פאר דיקע לייוונ־טענע הויזן גרעסער פון זייער מאס, גענייט מיט גראבע שטעך און דערצו א לאטע אויף א לאטע, אויף די פיס א פאר אלטע פויערישע שיך מיט הילצערנע זוילן וואס מיט זייער גאנג האט אפגע־הילכט א מהלך ווייט, אויפן קאפ — א קוטשמע וואס איז געווען גוט אפגע־שאסן די פארב און גרין אויסגעזעהן, אפגעריבן ביי די ברעגעס און די וואטע האט ארויס געשטארצט פון די לעכער, צו די דאזיגע געמיינע מלבושים איז שוין זייער פנים געווען געל ווי וואקס פון נישט עסן געהעריג און ווייניג שלאפן און אזוי זענען זיי אריינגעקומען צום "מגלה עמוקות" זצ"ל.

ווי דער "מגלה עמוקות" האט זיי דערזעהן און אין די געדאנקען איז איהם ארויף געקומען זייער פריערדיגן אויס־זעהן און זייער פארנעם, איז איהם דאס הארץ שיעור נישט צוגאנגען און שיעור אין חלשות א נידערגעפאלן, ער האט זיך מאכטלאזיג אוועק געזעצט אויף דעם נאהנטן בענקל און א שטראם זודיגע טרערן האט זיך פון זיינע הייליגע אויגן גענומען גיסן, ס'האט איהם זייער געוו־עהטיגט דאס הארץ פון גרויס רחמנות אויף די צוויי געפערליך ליידענדע בעלי תשובה און ווי זיי נעמען אלעס אהן מיט ליעבשאפט. ער האט אויסגעשפרייט זיינע הענד צום הימעל און אויפהויבענ־דיג זיינע אויגן האט ער געיאמערט און געבעטן: "רבונו־של־עולם! זעה נאר וואס פאר א טייער פאלק דו האסט! און אויף וועלכע קרבנות זיי זענען גרייט פאר דיינעטוועגן מקריב צו זיין, און אלעס פאר דעם וואס זיי האבן נישט וועלנדיג עובר געווען אויף דיינע הייליגע געבאטן, ביי קיין שום אומה ולשון וועסטו נישט טרעפן אזעלכעס, אויך נישט ביי די בעסטע פון זיי, זעה נאר הייליגער באשעפער, אט די צוויי בעלי תשובה וועלכע זענען געהאדעוועט געווארן אזוי ווי די רויהע־פראסטאקעס, קיינמאהל נישט געלערנט און וויסן נישט געהעריג פון קיין אידישקייט, שוין פון קינדוויז געבליעבן קיילעכדיגע יתומים רח"ל און קענען נאך נישט געהעריג דאווענען, נעם אהן זייער תשובה כקרבן כליל ועולות און גיב זיי כח זיי זאהלן קענען דורכפיהרן דעם גאנצן סדר התשובה דען דו ביזט דאך א רחום וחנון המרבה לסלוח און דו ווילסט דאך נישט זעהן במות המת און דו ביזט א ארך אפים און דו ווארטסט מ'זאהל תשובה טאהן.

דער הייליגער "מגלה עמוקות" זצ"ל האט זיי געוואלט זאגן דעם ווייטערדיג'ן סדר תשובה אבער ער איז שוין געווען אומשטאנד צו עפענען זיין מויל, דאס הארץ האט איהם געטריפט מיט בלוט צוקוקנ'דיג זייער ליידן. ער האט א ביסל זיך אפגעשטעלט און מיט אלע כוחות זיך געשטארקט און אנגעשטרענגט און ווייטער זיי געזאגט:

— וויסן זאלט איהר, דאס די גאנצע צייט וועלכע איהר ליידט צוליעב אייער תשובה, לייד איך נישט וועהניגער פון אייך, איך פיהל דאס גוט, קוים וואס

איך עס אויף זיך צו ערנערן אויך שלאף
איך זעהר וועהניג דורכין גאנצן מעת־
לעת, כ׳העהר נישט אויף צו קלאגן און
וויינען וואס אזא מורא׳דיגע זאך האט
געקענט פאסירן אין די שטאט וואו כ׳בין
דער מרא דאתרא. כ׳וואלט זעהר געוועזן
געוואלט אייך פארלייכטערן דעם ליידן
און ווי ווינציגער בזיונות אייך פאר־
שאפן, אבער צוליעב דעם וואס איהר
זענט דאך מיינע ברידער, קינדער פון
אברהם יצחק ויעקב, און וועלנדיג אייך
מציל זיין פון דעם געפערליכין שיקזאל
פון די קומענדיגע וועלט, מוז איך זיך
שטארקן און פארבויגן מיינע רחמנות־
דיגע געפיהלן און אייך אנווייזן צו טאהן
דאס וואס דער בית־דין הגדול האט
פאהרגעשריבן, גלייך ווי א דאקטער ווע־
לכער איז געצוואונגען צו שניידן דאס
לייב ביים קראנקען און שניידן טיעף און
א מאהל צוקומען ביז צום ביין און א
מאהל אויך צו קראצן אין ביין און קען
זיך נישט אומקוקן אויף דעם ליידן פון
זיין פאציענט, דען דער תכלית איז דאך
די הויפטזאך, איז אויך דער תכלית פון
אייך ראטעווען מדינה־של־גהינום און
אייביגן פיין ח״ו אויף די אייביגע וועלט.

אלזא, הערט צו וואס איהר ברויכט
ווייטער צו טאהן: ביידע זאהלט איהר
ארום געהן איבער אלע שוהלן און בתי
מדרשים פון די שטאט קראקא, אין די
צייט ווען זיי זענען גוט אהנגעפיעלט מיט
מתפללים, ארויפגעהן אויפין בעלעמער
(בימה) און אין דערהויך אויסרופן:
״רבותי! מיר זענען פושעים לה׳ און
עוכרי ישראל! א סאך צענדליגער יאהרן
האבן מיר אייך מאכיל געוועון טריפות
און נבילות מיט חֵלֶב, אייך פאראומג־
ליקט און אייערע נשמות מיט א זעלכע
דברים אסורים, ווער ווייסט וויפיעל
נאהנטע משפחה זענען צוליעב דעם פאר
די צייט — יונגערהייט — פארשניטן
געווארן פון דער וועלט, מיר זענען זיך
מתוודה אין די עפענטליכקייט און בעטן
פון אייך אלע אז איהר זאלט אונז מוחל
זיין במחילה גמורה און אויך מתפלל זיין
צו השי״ת אז ער זאהל אונדז אויך מוחל
זיין״!

שטעהנדיג אויפן בעלעמער זאהלט
איהר אזוי לאנג וויינען און יאמערן ביז
ווען דער גאנצער אנוועזענדער עולם וועט
געריהרט ווערן פון אייער געוויין און
זאגן אז מ׳איז אייך מוחל במחילה
גמורה און דאס זיי וועלן אויך מתפלל
זיין צו השי״ת ער זאהל אייך מוחל זיין
און אהנעמען אייער תשובה. פאר׳ן ענדע
דאווענען, זאהלט איהר אייך אנידער
לייגן נעבן די שוועל פון די טהיר און
בעטן אלע ארויסגעהערס ארויפטרעטן
אויף אייך און אהן שפייען אין פנים
אריין. ליגענדיג אויף דער ערד זאהלט
איהר נישט אויף הערן צו ווידוי זאגן,
קלאפן זיך אין הארץ און תפילה טאהן
צו השי״ת ער זאהל אהנעמען אייער
תשובה.

ווען איהר וועט שוין האבן דאס אלעס
געטאהן אין די שוהלן און בתי־מדרש
אין קראקא איהר זאהלט נישט פארפ־
עהלן קיין איין קלענסטן בית תפילה און
ארגאניזירטן מנין, דעמאלט זאהלט
איהר ארויס אויף דעם בית החיים פון
שטאדט און זיך ווארפן אויף די ציונים
פון די הייליגע צדיקים און גאונים
וועלכע רוהען דארט און אויף די קברים
פון די אלע לעצטגעשטארבענע איהר
זאהלט פון זיי מחילה בעטן און מתפלל
זיין זיי זאהלן פאר אייך זיין מליצי יושר
דאס אייער תשובה זאהל אהנגענומען
ווערן.

נאכדעם ווי איהר וועט דאס אלעס
האבן געטאהן, זאהלט איהר אייך
ארויס לאזן אויף דריי יאהר גלות פרא־
ווען, זיין נע־ונד — וואנדערן צו־פוס
געהנדיג און אין קיין פלאץ נישט זיין
לענגער ווי איין מעת־לעת, אויסער
שבתים און ימים־טובים. קיין שום זאך
זאהל אייך נישט אויפהאלטן, קיין רעגן
און קיין שניי, קיין ווינט און קיין זאווי־
רוכע זאהל אייך נישט אפשטעלן פון דעם
כסדר׳דיגן וואנדערן, וואו איהר וועט
היינט נעכטיגן זאהלט איהר נישט
מארגן נעכטיגן, א גאנצע וואך זאהל אין
אייער מויל קיין פליישיגס נישט אריינ־

קומען, נאר שבתים און ימים־טובים איך אזויפיעל נאר צו אויף יוצא זיין, קוים א כזית פלייש, שלאפן זאהלט איהר אויף דער הוילער ערד מיט א שטיין צוקאפנס, די גאנצע צייט מעגט איהר בעטלען, אבער נישט מעהר ווי אויף צו קענען איבערקומען דעם טאג בצמצום, די נשמה צו דערהאלטן, אויף מארגן קיינמאהל גארנישט איבערלאזן.

אין יעדער ישוב וואו איהר וועט קומען, זאהלט איהר דאס ערשטע זיך לאזן אין שוהל אריין, און ארויף געהן אויפ'ן בעלעמער און אויסרופן: אידן, זייט וויסן אז מיר זענען פושעי ישראל! עטליכע צעהנדליגער יאהרן האבן מיר מאכיל טריפות געווען, און א צונד זענען מיר חוזר בתשובה, בעטן מיר פון אייך, אז איהר זאלט מתפלל זיין פאר אונ־זערע נשמות, דאס אונזער תשובה זאהל אהנגענומען ווערן און מיר זאהלן האבן דעם ריכטיגן תיקון.

ווען ס'וועלן זיך ענדיגן דריי יאהר וואס איהר וועט זיך אויף דעם שטייגער פיהרן, זאהלט איהר צוריקקומען קיין קראקא. אויב כ'וועל נאך ביז דעמאלט לעבן וועל איך אייך ווייטער זאגן וואס איהר האט צו טאהן, טאמער חס ושלום וועל איך זיך שוין מעהר נישט געפינען צווישען די לעבעדיגע, וועט איהר טרעפען ביי מיין ממלא־מקום א פערח־תמיטן בריוו מיט די נויטיגע אנווייזונגען וואס איהר האט ווייטער צו טאהן.

## די בעלי תשובה פארוויקליכן דעם סדר התשובה מיט'ן גלות אפריכטן

גלייך ווי זיי זענען ארויס פון דעם בית־דין שטוב פון "מגלה עמוקות" זצ"ל, האבן די ביידע בעלי תשובה זיך געלאזט אין ריכטונג פון די בתי מדרשים אין קראקא, וועלכע זענען אין די דאזיגע שעה'ן פוהל געווען מיט מתפללים און האבן זיך געפיהרט לויט די אנווייזונגען ווי דער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל האט זיי געזאגט.

אריין קומענדיג אין בית המדרש, מיט זייער שוידערהאפטיגע טראגע, אין מיטן סאמע ברען ווען ס'האבן געהאלטן אין איין דאווענען מנינים איבער מנינים אידן, האט שוין אויסגערופן אויפמער־קזאמקייט ביי אלע מתפללים. אלע האבן געשמעקט דאס דא האלט אין עפעס פאהרקומען, מ'איז פון אלע זייטן אין דער שטיל נאך זיי זיך אונטערגע־רוקט, אזוי ווייט דאס פון אלע זייטן איז אנגעלאפן דער גאנצער עולם אין בית מדרש אריין, דער זאל איז איבערגע־פיעלט געווארן מיט די מאסן מתפללים אין יענע צייט. דאס האט לאנג נישט געדויערט נאר א געצעהלטע פאר מינוט, די צוויי זענען ארויף אויפ'ן בעלעמער און מיט גרויס יאמער און געוויין האבן זיי זיך גענומען מתוודה זיין, ביי אלע איז דאס געווען א נייעס. דא ערשט האט מען שוין פארשטאנען זייער גאנצע פירעכץ אין די לעצטע פאר טעג, פון דעם וואס גאנץ קראקא האט גערעדט און נישט געקענט פעסט שטעלן די אוהרזאך דערפון. א טהייל פון דעם עולם, וועלכע זענען געווען אין משפחה פארבינדונגען און האבן פערזענליך מיט געמאכט דעם פיין פון די געליטענע אומגליקליכע משפ־חות האבן שווער אונטער געזיפצט. דער גאנצער עולם איז אויך נתעורר געווארן צו תשובה און האבן אויסגיבראכן מיט גרויס געוויין אויף די גאנצע פארכטיגע פאסירונג וואס ס'איז פאהרגעקומען. ס'האט זיך געטאהן א געוויינעריי פון אלע אוועזענדע וועלכע האבן געוויינט צוזאמען מיט די צוויי בעלי תשובה. די שטארקטסע שטיינער הערצער זענען פשוט צו גאנגען. ס'איז איבעריג צו זאגן אז ס'איז נישט געווען קיין איין איינ־ציגער אין ביהמ"ד וואס איז נישט נתעורר גיווארן פון זייער קוראזש מיט'ן אייזערנעם ווילן צו אפקומען אויף דעם עולם אויף זייערע גרויסע זינד. ס'איז נישט געבליבן קיין איינער וועלכער האט זיי נישט געזאגט אז מ'איז פאר זיי מוחל במחילה גמורה, דען אפילו די געליטענע

זענען אויך באריהרט געווארן פון די שרעקליכע פאזע און האבן זיך אליין באטראכט וואס וועלן מיר שוין האבן ווען מיר וועלן זיך מתאכזר זיין און נישט מוחל זיין, וועלן מיר דען די געשט־ארבענע מיט דעם צוריק לעבעדיג מאכן.

באלד נאכ'ן דאווענען האבן זיי זיך אנידער געווארפן ביי די שוועל פון די טיר פונ'ם בית המדרש און זיך געבעטן ביי אלע מ'זאהל אויף זיי מקיים פסק זיין, אריף טרעטן אויף זיי און זיי אנשפייען אין פנים אריין. זיי האבן אלץ ווידוי געזאגט אבער קיינער האט קיין הארץ נישט געהאט צו ארויפטרעטן אויף זיי און שפייען זיי אין פנים, נאכ'דעם ווי מ'האט ביי געוואוינט זייער צובראכן הארץ באמת ובתמים און זייער תשובה מעומק הלב בחרטה גמורה. זיי האבן אויף דעם זעהר געיאמערט און זיך שטארק געבעטן מ'זאהל נישט רחמנות האבן אויף זיי, אבער ס'האט זיי נישט געהאלפן, מ'האט זיי נאר צוגעזאגט דאס יעדערער וועט פאר זיי מתפלל זיין און בעטן ביי השי"ת, דער חנון המרבה לסלוח דאס ער זאהל אהנעמען זייער תשובה און אפקומען אויף די וועלט מיט די בושות וואס זיי ליידן מיט די אמת־'דיגע חרטה על העבר און זייער קבלה על העתיד.

א סאך בעלי דעת פון די וועלכע זענען דארט אנוועזענד געווען בשעת מעשה, האבן זיך אויך געקלאפט "על חטא" וואס מ'האט זיך נישט געהעריג אומגע־קוקט אויף די אומגליקליכע יתומים, צוגעזעהן דעם פיין און ליידן זייערער ביי דעם ברוטאלן פעטער. די אונטערשטע שורה איז געווען אז דאס אלעס האט פאר די פיעלע איינוואוינערס פון שטאט געברענגט הרהורי תשובה און געזעהן דאס פון היינט און ווייטער זאהל מען זיך מער ארומקוקן אויף די ליידענדע און זיך אינטערעסירן אויף די אומ־גליקליכע.

די זעלבע סצענעס האט זיך אפגע־טאהן אין אלע בתי מדרשים און שוהלן און מנינים וואו זיי זענען ארום געגאנגען אין פארלויף פון די עטליכע וואכן, ביז זיי האבן אנגעיאגט צו זיין אין אלע בתי תפילה און קיינעם נישט אויס געלאזט. די הרהורי תשובה האט זיך אויך איבער־חזר'ט אין די קופקעס וואו מ'האט איבער גערעדט און דורכגעדראשן דעם גאנצן ענין און די פאסירונג ווי אזוינס האט געקענט פאסירן אין אזוי א עיר ואם בישראל ווי די שטאט קראקא וועלכע איז געווען איבערגעפוהלט מיט חכמים וסופרים. דאס האט געברענגט א געוואלדיגע התחזקות אין די גאנצע שטאט און אויך אין דעם גאנצן אומגע־גענד וואו מ'האט זיך דערוואוסט פון די גאנצע פאסירונג. די מגידים האבן אויף דעם ענין געלארעמט און מעורר געווען אהן אויפהער.

ווי נאר זיי האבן שוין געענדיג ארום גיין אין די שוהלן און אלע בתי מדרשים און מנינים האבן זיי זיך געלאזט גייען אויף דעם בית החיים און אלעס אויסגע־פיהרט ווי דער מרא דאתרא האט זיי פאהראויס אנגעזאגט און באלד נאכדעם האבן זיי זיך געלאזט אין זייער גלות וועג, אפצוקומען אויף זייערע פשעים. זיי האבן זיך אפילו נישט געזעגנט מיט זייער הויזגעזינד, נאר גלייך מיט די לעהדיגע הענט זיך געלאזט אין וועג.

נישט האבענדיג קיין שום ציל אין זייער וועג וואו צו געהן, האבן זיי זיך געלאזט אין וועג אריין צו ערגעץ וואו צו קומען אין עפעס א אידישן ישוב. זיי האבן טאקע בעסער געוואלט ארום בלאנקען וואס לענגער אונטערוועגנס, זיין איינזאם אין די פעלדער און די ווע־לדער, אונטערן פרייען הימעל און זיך ערנערן מיט די ווילדע געוויקסן און שטילן זייער דארשט מיט אלע ערגסטע וואסערן וואס ס'איז זיי אונטערגע־קומען אונטערוועגינס, ענדערשט ווי צו אהנקומען צו מענטשן. ארויסקומענדיג אונטער די שטאט און זיך ארומגעקוקט אז פון היינט און ווייטער וועט יעדער שפאן ערד זיין זייער געלעגער און יעדער שטיין זייער צוקאפינס, האבן זיי זיך ערשט רעכט אפגעגעבן א דין־וחשבון, ווי

נאריש זיי זענען געווען מיט דאס יאגע־ניש צו באקוועמליכקייט און שפעטער צו עשירות און כבוד, און דערפאר צו באגעהן אזעלכע געפערליכע עוונות און פשעים, דער פרייער נאטור מיט וועלכן זיי האבן זיך גאנץ אפט באגעגנט האט זיי צו געברענגט זיך ארומזעהן ווי די וועלט איז הבל הבלים און ווי נישטיג איז די תאוות הכבוד והממון איז וואס צוליעב דעם איז מען בעשטאנד צו אפטאהן דאס ערגסטע אין דער וועלט.

**פאהרזעצונג אי״ה דעם קומענדיגן נומער.**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פאַסירונג

אין קורצן פון פריער: א קצב האט געהאדעוועט 2 יתומים, זיי זענען אויסגעוואקסן קצב־יונגען — עם־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג האבן זיי הונגער געליטן, כדי זיך פארבעסערן די לאגע האבן זיי די קונדן אומוויסנדיג אונטער גערוקט טריפה פלייש וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גוים, אזוי האבן זיי אפגעשפארט א קאפיטאל און פאר זיך אליין געעפנט א יאטקע און ווייטער זיך אזוי געפירט און רייך געווארן, געטאן פיינע שידוכים, חתונה געמאכט קינדער. נאך שווערע אומגליקן רח"ל אין שטאט האט דער רב — דער מגלה עמוקות זצ"ל גוזר תענית געווען, מעורר תשובה געווען און אלץ נישט דערגאנגען עפעס א פארברעך ביז ווען איינער פון די שותפים האט געהערט אימיצן פון זיין הויזגעזינד לערנדיג די הארבקייט פון די עבירה און איז ערוועקט געווארן צו תשובה און אויך דעם שותף געבערענגט צו תשובה, נאכן זיך מתוודה זיין פאר'ן רב האט ער צוזאמען געשטעלט א בית־דין הגדול מ'זאהל זוכן א דרך תשובה פאר די צוויי און בעפאר דעם האט דער רב באפוילן בחרם חמור די אלע איינוואוינער זאהלן צוברעכן אלע כלים וואס מ'קען נישט כשר'ן און כשר'ן די וועלכע מ'קען יא כשר'ן, נאכדעם זענען זי געקומען הערן דעם סדר התשובה פון דעם בית דין הגדול — נאך לאנגע שקלא־וטריא'ס פון די רבנים איז אויסגעשטעלט געווארן א סדר התשובה וועלכן זיי האבן דאס גערן אהנגענומען, לויט דעם האבן זיי פאר דיקינדער אוועק געגעבן זייערע נויטיגע זאכן און פארשיקט פון זייער הויז און דאס אלעס איבעריגע פארברענט און נישט געלאזט קיין שריד ופליט מון די ערווערבונג באיסור, אפילו די בגדים וואס אויף זיי האבן זיי אויך געדארפט פארברענען נאכדעם ווי זיי האבן אויס געבעטלט אויף צו קויפן אלטע פראסטע שמאטעס אויף צודעקן זייער לייב. דערזעהנדיג די שטאדטישע נגידים בעטלען האט מען געמיינט אז זיי זענען געווארן "יורדים", מיט'ן צונויפגעבעטלט געלט האבן זיי געקויפט זעהר פראסטע בגדים. אזוי האבן זיי זיך ארומגעדרעהט אין אלע בתי־מדרשים און מניינים איבער די שטאט, דערצעהלט וועגן זייערע חטאים און וויינענדיג געבעטן מ'זאהל זיי מוחל זיין און בעטן השי"ת זיי צו מוחל זיין דערויף, נאכדעם זענען זיי אויפ'ן בית החיים געגאנגען געבעטן מחילה ביי די קברים פון די לעצטע יאהרן וואס צוליעב זייערע זינד זענען זיי אוועק פון די וועלט פאר די צייט און זיי זיך ארויס געלאזט אין גלות אריין. זיי האבן געזוכט ווי צו פארמעהרן זייער ליידן און אויף זיך נאך מעהר מחמיר געווען און געזוכט ווי זיך צו פארשאפן פיין און בושות, אונטער וועגינס האבן זיי זיך גוט איבערגעטראכט און גוט איינגעזעהן ווי נאריש זיי זענען געווען און פארבלענדעט געווארן פונ'ם גלאנץ פון כבוד און געלט. און יעצט לייענט ווייטער.

## דריי יאהר ליידענדיגן גלות

מיט קוראזש האבן זיי אהנגענומען די אלע שוועריגקייטן וועלכע זיי האבן אלץ געהאט צו איבערטראגן אין פארלויף פון די גלות תקופה ביי וועלכע זיי האבן נאר וואס אנגעפאנגען, דאס איז ביי זיי געווען יסורים של אהבה אויף וועלכע זיי האבן אויס געווארט און זיך גליקליך געפיהלט ווי מעהר זיי האבן דערפון באקומען. זיי האבן שטענדיג ארום געשפאנט אין וועג, נישט האבענדיג קיין גערויסן ציעל און נישט וויסענדיג וואו די וועג פיהרט. מיט אראפגעלאזטע אויגן, שווייגענדיג ווי מיט פארשטומטע מיילער האבן זיי ארום געשפרייזט, שטענדיג פארטראכט אין איין געדאנק, דאס זיי זאהלן אפקומען מיט די יסורים

און השיית, זאהל אהנעמען זייער תשובה. סיהאט זיי קיינמאהל נישט אינטערעסירט וויפיעל איז דער זייגער, אדער וועלכער וועטער קלויבט זיך. ווען ס'האט אויסגעזעהן פאר נאכט האבן זיי זיך געשטעלט דאווענען מנחה, ווען די נאכט איז צוגעפאלן האבן זיי מעריב געדאוונעט און אויף די הוילע ערד זיך אוועקגעלייגט וואו סיאיז נאר מעגליך געווען. ווען סיאיז קאלט געווען אדער ווען סיהאט זיי באטראפן א רעגן אדער א שניי, האבן זיי זיך שוין אויסגעזוכט עפעס א ארט כדי דאס לעבן צו באשיצן.

זיי האבן צווישן זיך אויך נישט גערעדט, ווען זיי האבן יא אמאהל עפעס גערעדט איז דאס געווען וואס האט א שייכות געהאט מיט זייער יעצטיגן צושטאנד און טעגליכ'ן לעבן. קיינע אנדערע דיבורים איז נישט שייך געווען, דען זיי זענען שוין געווען אויסגעטאהן פון זייער סוחרישן לעבן און קיין פארקער נישט געהאט מיט'ן לעבן מן־הישוב. די ערנסטקייט פון זייער תשובה טאהן מיט'ן גאנצן הארץ און לייב און לעבן האט זיי געמאכט גלייך ווי צוריקגעשטאנענע ברואים אהן קיין פארבינדונג מיט דעם אלגעמיינעם מענטשליכ'ן לעבן. ווען זיי זענען שטארק פארמאטערט געווארן און געפיהלט ווי די פיס ווערן זיי אונטערגעבראכן האבן זיי זיך אראפגעלייגט אויף די ערד, איינער נעבן אנדערן און אזוי אנטשלאפן געווארן. ווען זיי האבן זיך אויפגעכאפט, האט זיי גאר נישט אינטערעסירט ווי שפעט סיאיז, נאר ווי סיהאט גענומען טאג'ן האבן זיי זיך געלאזט אין ווייטערדיגן וועג.

ווען דער הונגער האט זיי גענומען שטארק דערקוטשען, האבן זיי מיט די אויגן זיך אומגעקוקט אויף עפעס א נאהנטע קרעטשמע און זיך ביז אהין צו געשלעפט כדי פון דארט צו אויסבעטלען עפעס־וואס די נשמה צו דערהאלטן. א שטיקעל פארדארט ברויט מיט א טעפל פראסטע וואסער איז פאר זיי גענוג געווען. ווען אימיצער האט זיי אנגעבאטן אביסל מילך אדער עפעס געקעכטס, האבן זיי זיך דערפון ענטזאגט. אויך ווען א גוטהערציגער הייסער איד א בעל מכניס אורח איז זיי דרינגליך צוגעשטאנען זיי זאהלן בדווקא מיטהאלטן צום מיטאג אדער וויעטשערע און איבערנעכטיגן ביי איהם כאטש אויף די שלאפבאנג, דעמאלט האבן זיי איהם ערקלערט מיט א ביטערן געמיהט: ר' איד! מיר זענען נידערטרעכטיגע פושעי ישראל, מיר האבן צעהנדליגער יאהרן מאכיל געווען אידישע קינדער, טריפות ונבילות און חֵלב, מיר וואלטן אפילו נישט געטארט קיין שטיקעל ברויט אין מויל אריין נעמען און מיר זענען נישט ווערט אייער שוועל איבערצוטרעטן, נאר וואס זאהלן מיר טאהן, מיר מוזן דאס אננעהמען, כדי מיר זאהלן נישט אוועקפאלן פון הונגער און מיר זאהלן נאך אהניאגן אפקומען אויף אונזערע עבירות אויף די וועלט!

ווי זיי האבן אפגעזאגט די ווערטער, האבן זיי זיך אויסגעדרעהט און זיך ווייטער געלאזט אין זייער ציל־לאזן וועג. ווען אזוי וואנדעריגערהייט האבן זיי זיך צוגעשלאגן צו א מקום ישוב האבן זיי זיך געלאזט צום קהל'ישן בית המדרש, אפגעווארט די צייט ווען דארטן איז געווען דער גרעסטער עולם, ארויף אויף דעם בעלעמער, געבעטן פון די מתפללים זיי אויסהערן א מינוט און אויפין קול אויסגערופן:

אידן! זייט וויסן דאס מיר זענען פושעי ישראל, חוטאים ומחטיאים את הרבים, צעהנדליגער יאהרן האבן מיר מאכיל געווען אידישע קינדער טריפות און נבילות מיט חֵלב! יעצט האבן מיר חרטה און טהוען תשובה אויף די געפערליכע זינד! מיר בעטן פון אייך: בעט פאר אונז און זייט פאר אונז מתפלל דאס מיר זאהלן האבן אפגעקומען אויף די וועלט אויף די גרויסע פארברעכינס און מיר זאהלן האבן א תיקון כדי אונזערע נשמות זאהלן נישט חלילה פערפאלן ווערן אין כף־הקלע אויף די צוקונפטיגע

וועלט! דערנאך האבן זיי יאמערליך זיך צווויינט און זיך ממש די האר פון קאפ געריסן. נאכ'ן דאוונען האבן זיי זיך אנידער געווארפן אין דרויסן ביי די טיר פון בית המדרש און געשריגן: "אידן! האט אויף אונז רחמנות, און טהוט אונז א טובה, טרעט ארויף אויף אונזערע זינ־דיגע קערפערס, שפייט אונז אהן אין אונזערע פרצופים אריין, און דורך דעם וועט אונזער תיקון דערנענטערט ווערן!"

וואו אהין זיי זענען אלץ געקומען און אזוי געטאהן זענען אלע צובראכן געווארן און נתעורר געווארן צו תשובה, יעדערער האט ביי זיך געזוכט מתקן זיין דאס אלעס וואס מ'האט מיט עפעס עהנ־ליכעס געזינדיגט.

ס'האט זיך געטראפן אין אייניגע ערטער וואו מ'האט זיי חושד געווען דאס דער סארט רעדן איז א מיטל ווי צו באקומען שעהנערע נדבות און דאס זיי זענען קינצלערישע שווינדלערס, אבער באלד האט מען זיך איבערצייגט אויף די ריכטיגקייט דערפון, ווען זיי האבן זיך ענטזאגט פון צו נעמען נדבות, און האבן ביי קיינעם אפילו קיין גרייצער נישט גענומען. זעלטן ווען מ'האט אויף זיי משפיע געווען צו אריין נעמען אין מויל א ביסל אפגעשטאנענע מילך וואס זיי האבן דאס געגעסן שטעהנדיגערהייט, נאר אין פאדערהייזל אדער ביי די טיר, און גלייך נאכדעם זיך אוועק אין "הקדש" (די הכנסת אורחים הויז), וואו זיי האבן זיך אפילו נישט בענוצט מיט די בעטלעך און די צודעקן וואס די קהילה האט צו געגרייט פאר די ארעמע לייט — די ארחי־פרחי וועלכע געהן דורך אין שטאט. אויף דער הוילער ערד האבן זיי זיך א וועקגעלייגט און צוקאפינס א שטיין. דעמאלט האבן אלע טאקע איינ־געזעהן די ווירקליכקייט פון זייערע רייד, און זיי זענען נישט חלילה קיין שווינדלערס וועלכע זוכן אויס צונארן ביים קהל אהנגעזעהנע נדבות. אלע האבן אויף זיי רחמנות בעקומען, מיט־לייד געהאט און צוגעוואונטשן דאס זייער תשובה טאהן מיט'ן גאנצן הארצן זאהל אהנגענומען ווערן פאר'ן כסא־הכבוד, גלייך ווי די קרבנות וועלכע האבן מכפר געווען אויף די זינדיגערס.

נישט מער ווי דעם שבת'דיגן מעת־לעת זענען זיי א ביסל מילדער געווען מיט זייער עקסטרעמע מוטשעניש און פיין. פרייטיג־צונאכט און אזוי שבת בייטאג, זענען זיי גערן מיט געגאנגען אלס אורחים ביי א בעל־הבית וואס האט זיי איינגעלאנדענט אויף דער שבת־דיגע סעודות. לכבוד שבת האבן זיי זיך אביסל אפגעשטויבט און אפגעוואשן דעם פנים מיט די הענט און מער־ווייני־גער באקומען עפעס א מענטשליכע צורה. אבער אלעס וואס זיי האבן זיך ערלויבט צוליעב יוצא זיין אויף לכבוד שבת קודש איז געווען געמאסטן און געוואויגן. געזעצט האבן זיי זיך נאר ביים עק טיש און נאר אויפ'ן ברעג בענקל, פון יעדער מאכל האבן זיי נישט מער ווי טועם געווען, דעם הונגער האבן זיי געשטילט מיט ברויט און וואסער. ווי נאר מ'האט געבענטשט זענען זיי גלייך אוועק אין "הקדש"־הויז כדי צו אביסל אויס רוהען די אויסגעמוטשעטע קער־פערס פון די גאנצע וואך ציל־לאזיגע וואנדערונגען.

דאס איז מער ווייניגער געווען זייער שטענדיגער סדר, זיי האבן נישט געזוכט דאס צו פארבעסערן און צו פארענדערן אדער זיך גרינגער מאכן. דער סארט לעבן מיט פוהל פיין און מאטערניש האט זיך ביי זיי געצויגן טעג און נעכט, וואכן און מאנאטן, די וועטערן האבן זיך געמעגט ענדערן אבער ביי זיי איז קיין שום ענדערונג נישט געקומען. די זעלבע טראגע האבן זיי געטראגן, וואך איין און וואך אויס, בייטאג און ביינאכט, אין היטצן און קעלטן, זומער און ווינטער, שבת און אין די וואכענטעג, מיט דעם האבן זיי צוגעדעקט זייערע לייבער. דער קערפער זייערער האט שוין לאנג פערל־וירן זייער אויסזעהן פון די א מאהליגע צייטן, ס'איז פון זיי פערשוואונדען געווארן יעדער אנדענק פון זייערע רייכע

צייטן ווען זיי האבן א בעקוועם לעבן געלעבט, גלייך ווי זיי וואלטן שוין איי־ביגע דורות׳דיגע שנאָרער געוועזן. מיט איין אונטערשייד צווישן זיי מיט די אלגעמיינע בעטלערס איז געווען וואס זיי האבן נישט מיט זיך מיטגעטראגן א טארבע וואו עפעס אוועק צו לייגן, דען זיי האבן גארנישט פארמאגט און אויך קיין אינטערעס נישט געהאט צו עפעס מיט זיך צו האלטן און צו ערווערבן.

דער ווילן צו אפקומען אויף דעם עולם אויף זייערע זינד, איז ביי זיי געווען פעלזן שטארק, און דער פעסטער באש־לוס האט זיי געמוטהיגט נישט צובראכן ווערן פון זייערע ליידן קעלט און היטץ, הונגער און מידיקייט, בושות און זידל־ערייען א.ד.ג. זיי האבן אלעס פאר ליעב אהנגענומען און ווי מעהר זיי האבן געליטן איז ביי זיי געווען דער גרעסטער פארדיענסט, דען זייער אמונה פשוטה איז געווען פעלזן שטארק און זיי האבן געוואוסט דאס די קלענסטע ערגערניש און ליידן אויף די וועלט איז ווי גארנישט קעגן דעם ליידן אויף די צוקונפטיגע וועלט און גלייכצייטיג דאס מיט די קלענסטע שברי לב און צער אויף דעם עולם שפארט מען איין פיעל צער פון די קומענדיגע וועלט און היות ווי זיי זענען דאך אזעלכע געפערליכע פארברעכערס איז דאס אלעס זעהר פיעל ווערט וואס איז נישט צום בעגרייפן מיט׳ן מענטש־ליכ׳ן פארשטאנד. וועגן דעם האבן זיי אין די גאנצע וואנדער צייט נישט געזוכט זיך אויסצורוהען אין א וואכענדיג׳ן טאג און קיינמאהל זיך נישט געוואלט פאר־גינען דאס מינדעסטע פארגעניגן. ס׳איז זיי גאנץ אפט אויס געקומען צו שטיין ביים צוגרייטן אויף שבת קודש ביי די בעלי־בתי׳ישע הייזער אדער ביים צוגר־ייטן זיך פאר א אידישע שמחה, ווען פון קיך האט ארויס געשמעקט רייצענדיגע ריחות, און מ׳האט זיי אנגעבאטן כאטש טועם צו זיין פון די מאכלים, ווי דער שטייגער פון אידישע פרויען, אבער מיט שטאלץ האבן זיי דאס שטענדיג ענט־זאגט, צו לייגענדיג עטליכע ווערטער וועגן זייער זינדיגע פארגאנגענהייט, און ערקלערנדיג דאס זיי האבן נאך א סאך צו אפקומען און ס׳איז א שאד צו אנווערן די געלעגענהייט פון אפקומען.

אזוי ארום זענען אדורך דריי קיילעכ־דיגע יאהר איבער די צוויי בעלי־תשובה, דריי יאהר מיט אויסערגעוועהנטליכע ליידן. די אמאליגע פוהל־בלוטיגע קצב׳ישע קערפערס זענען אין פארלויף פון די דריי יאהר איינגעשרומפן געווארן, אויסגעצערט און פערטריקנט, דערווייטערנדיג זיך פון דעם מינדעסטען פארגעניגן אין לעבן. מיילן ווייט זענען זיי אנטלאפן פון יעדער פערדאכט אז דאס קען זיי מהנה זיין, זיי האבן זיך נישט געוואלט אריינברענגען אין קיין נסיון. קיין איין איינציגן שמייכל האט זיך במשך די צייט נישט בעוויזן אויף זייער געזיכט, אהן אויפהער האבן זיי געוואנדערט, וואו זיי האבן געטאג׳ט האבן זיי שוין נישט גענעכטיגט. ווען ס׳איז זיי נאר מעגליך געווען זענען זיי אויך בארוועס געגאנגען אזוי אז די זוילן פון די פיס איז ביי זיי פארהארטעוועט געווארן, מאנכעס מאהל האבן זיי זיך צובלוטיגט און ס׳האט זיי געבריהט פון די היטצן. די געפערליכסטע שטורמדיגע וועטערן האבן זיי נישט צוריק געהאלטן פון זיך ארויס לאזן אין וועג, אזוי אז זיי האבן מיט געמאכט אויך שווערע יסורים פון די קעלטן ווען ס׳האט דורכגעשניטן דאס לייב און זענען שיעור פארפרוירן געווארן פון די פראסטן. ווען ס׳האט זיך געטראפן און איינער פון זיי איז קראנק געווען און געפיבערט מיט שטארקע היטץ האבן זיי זיך אויך נישט צוריק געהאלטן פון זייערע וואנדערונגען און זיך אנגעשטרענגט מיט טויט אנגסטן און זיך נישט אפגעשטעלט אויף איין פלאץ, נאר אלץ ווייטער געוואנדערט. די קער־פערס זייערע האבן אבער זיך גובר געווען און דער קריזיס איז א דורך, זיי האבן געפיהלט דאס נאך די אלע עוונות און פשעים איז זיי דער זכות פון דעם היי־ליגן בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל בייגע־שטאנען דאס זיי זאהלן זיך שטארקן

און אדורך קומען די דריי יאהר גלות און זיך אויס לויטערן אויף דעם עולם.

אין פארלויף פון די תקופה איז זייער גאנצער קערפער געווארן מיט א ווילדען אויס־זעהן, די הויט מיט פיעלע צוקניי־טשטע פאלבן, איינגעגעסן מיט די שטויב און שוייס, ווילד באוואקסן און דער גאנצער אויסזעהן זייערער איז געווען חושכ־דיג גלייך ווי די בלאטע. שטענדיג אויסגעזעהן פארמאטערט מיט שלאמפ־ערדיגע פיס וועלכע האבן אויס געזעהן ווי זיי שלעפן זיך נאך א טויטן קערפער און דער גאנצער כח וואס האט זיי אוי־פגעהאלטן אויף די פיס איז געווען זייער אייזערנער ווילן און פעלזן פעסטער באשלוס צו האבן א ריכטיגע אפקומע־ניש אויף זייערע זינד.

## צום ענדע גלות

ערשט ווען זיי האבן שוין געהאלטן ביים ענדע פון די דריי יאהר האבן זיי זיך גענומען עטוואס אינטערעסירן וואו זיי געפינען זיך, אין וועלכע שטאט און געגענד, וואו איז דער וועג צוריק קיין קראקא? ווי לאנג דארף נעמען דארט צוריק קומען? זיי האבן זיך שוין אויס־גערעכנט צו זיין גלייך מיט'ן ענדיג'ן זיך די דריי יאהר אין קראקא.

וואס א טאג שפעטער ס'האט זיך אונטער גערוקט זיינען זייערע געמי־הטער געוואהרן מיט מער האפענונג, זיי האט נישט אינטערעסירט די ענדע פון זייער ליידן נאר די ענדע פון די דריי יאהר וואס דורכדעם וועלן זיי שוין וויסן דאס זייער תשובה איז אנגענומען, זיי האבן איבערהויפט שוין נישט געבענקט נאך יענע רייכע צייטן און באקוועמען לעבן, זיי האבן שוין גענוג צייט געהאט צו איינזעהן די גארנישקייט דערפון, זיי איז דער עיקר געלעגן אין זין צו זייער תשובה איז אנגענומען געווארן, און צו זיי האבן גענוג יוצא געווען מיט זייער פיין און ליידן, דען זיי האבן טאקע די גאנצע גלות צייט קיינמאהל נישט געזוכט זיך צו פערלייכטערן, אומגע־קערט זיי האבן שטענדיג נאך מעהר מחמיר געווען ווי מ'האט זיי בעפאר אנגעזאגט, זיי האבן געוואלט זיכער זיין דאס זיי האבן אלעס ערפיעלט בשלימות.

אזוי האבן זיי נאך ארומגעוואנדערט ביז די דריי יאהר האבן זיך ערפיעלט אינגאנצן און זיי זענען טאקע ריכטיג צו די דריי יאהר קיין קראקא אהנגעקומען.

## די בעלי־תשובה צוריק אין קראקא

אנקומענדיג קיין קראקא, איז שוין זייער אויסזעהן געווען זעהר משונה'דיג, ווילד אפגעריסן און אפגעשליסן, באוו־אקסן ווי די חיות פון וואלד און דער גאנצער געשטעל האט געצייגט ווי אוי־סגעגראבענע מתים מיט צופוילטע תכריכים רח"ל. דאס איז געווען מער ווייניגער דער אויסזעהן פון די לעבעדיגע סקאלעטן ווען זיי זענען צוריק געקומען קיין קראקא. גלייך מיט'ן אנקומען זייערן האבן זיי זיך געלאזט צו די הויז פונ'ם מרא דאתרא — דער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל.

קיינער אין שטאט האט זיי נישט דערקענט און האבן איבערהויפט זיך נישט אומגעקוקט צו זיי. מ'האט זיך געקלערט דאס א פאהר איינפאכע נאטורליכע שלעפערס זענען געקומען אין שטאט, וואס דאס איז נישט גאר נישט געווען אין די גרויסע רעזידענץ שטאט קיין זעל־טענע ערשיינונג, אבער דער הייליגער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל, וועלכער האט די גאנצע צייט זיך פון זיי נישט מסיח־דעת געווען און שטענדיג מיט־לייד געהאט מיט די בעלי־תשובה, האט שוין דעם טאג זיי אפגעווארט און אומ־געדולדיג אויסגעקוקט זייער נאהנטן אנקום. שוין אינדערפריה האט זיך אויף איהם בעוויזן עפעס א ספעציעלע התרג־שות, ער איז גאנץ אפט צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אויף די גאס ארויס זעהן צו די צוויי בעלי־תשובה קומען שוין אהן.

ווי נאר ער האט דערזעהן פון דערוויי־

טענס די צוויי שרעקליכע געשטאלטן, האט ער באלד פארשטאנען אז דאס זענען זיי די בעלי־תשובה און מיט איין אטעם איז ער ארויס געלאפן צו זיי אין זיינע שטוב־מלבושים און מיט א וואר־רימען שלום־עליכם זיי ענטפאנגען און מיט גרויס התלהבות איסגערופן: ברו־כים הבאים חשוב'ע צדיקים און אויסג־עלייטערטע בעלי תשובה! און אנצוגעגעבן: סיפיהלט זיך פון אייך א ריח גן־עדן ממש!

גליך האט ער זיי מיט גרויס שמחה ארייגעפיהרט צו זיך אין וואוינונג און זיך ארום זיי געדרעהט און משמש געווען ועלבסט אליין. ער האט זיי דער לאנגט די בכבוד'סדיגע שטוהלן און זיי ארום גענומען און געהאלדזט מיט א גאר אויסער־געווענטליכע ליעבשאפט.

צווישן זיינע פיעלע ליעבליכע רייד האט ער זיי געזאגט: אשריכם ואשרי חלקכם! וואויל איז צו אייך און וואויל איז צו אייער חלק, מיט דעם וואס איהר האט זוכה געווען צו טאהן תשובה מיט א א אמת און מיט'ן גאנצן הארצן, אויף אייך קען מען אצונד זאגן: במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמו־רים יכולים לעמוד!

ער אליין האט אריינגעברענגט פאר זיי זעהר שעהנעם כיבוד און ווען זיי — נישט וויסענדיג צו זיי מעגן שוין עסן — האבן זיך צוריקגעהאלטן און גאר נישט פארזוכט, האט ער זיך צו זיי אנגערופן: עסט טייערע קינדערלעך. אייערע שווערע צייטן האבן זיך שוין ב"ה געענ־דיגט, פון היינט אהן מעגט איהר שוין עסן ווי געהעריג. דער הייליגער בעל "מגלה עמוקות" האט זיי געטרייסט און ערמוטהיגט, פון היינט און ווייטער וועט איהר שוין מער נישט זיין נע ונד און נישט דארפן אזוי פארשווארצט ווערן! איהר קענט שוין פארבלייבן אין שטאט אינאיינעם מיט אייער הויזגעזינד, נאר זיך מער נישט אפגעבן מיט קיין האנדלען עטץ זאלטץ זיך ערנערן פון כשר'ע און ערליכע יגיע כפים וואס סיוועט זיך אייך מאכן! כ'בין זיכער דאס קיין פרנסה וועט אייך איי"ה נישט פעהלן! כ'וועל אהנזאגן די בעלי־בתים אין שטאט מ'זאהל אייך זעהן געבן צו פארדינען און קיינמאהל נישט פאהרווארפן אדער חלילה דערמאנען אייערע פארגאנגענע זינד, וועלכע זענען שוין מעהר נישטא און זענען שוין אפגעוואשן געווארן מיט דאס בלוט און מארך פון אייערע אויסג־עלייטערטע קערפערס.

די קראקאווער שטאט לייט האבן שוין באלד אין גאנצן פארגעסן פון די געוועזענע צוויי קצבים די שותפים און די גאנצע מורא'דיגע פאסירונג איז זיי שוין ארויס פון די געדאנקען. פלוצים אין א טאג איז די גאנצע שטאט אויף דאס ניי איבערראשט געווארן, ווי מ'האט געזעהן דעם בית־דין שמש ווע־לכער איז אין באפעל פונים באליעבטן מרא דאתרא ארום אין אלע בתי מדרשים און מנינים א.ד.ג. אויסרופנדיג אין נאמען פונים רב:

"די צוויי בעלי־תשובה, די געוועזענע קצבים די שותפים זענען צוריקגעקומען אין שטאט, נאכדעם ווי זיי האבן שטרענג אפגעהיטן דעם באפעל פון דעם צוזאמענגערופענעם בית־דין הגדול, זיי זענען שוין אפגעקומען איבער זייערע אלע עבירות און זענען מיט אויסגעלויט־ערטע נשמות צוריק אהיים געקומען. פון היינט און ווייטער זאהלן אלע וויסן דאס. זיי זענען ריכטיגע בעלי־תשובה וועלכע שטייען אין א העכערע מדרגה פון צדיקים. אלזא האט דער רב שליט"א באפוילן דאס ווער ס'האט עפעס צו טאהן א לייכטע ארבייט ביי זיך זאהל זעהן זיי צו געבן כדי זיי זאהלן קענען זיך ערנערן מיט זייערע פרויען, מ'זאהל זיי ערליך האלטן און געהעריג בעלוינען! קיינער זאהל ח"ו זיך נישט ארויסכאפן מיט עפעס א קרום ווארט און מכל שכן זיי נישט מאכן קיין שום פאהרוואורף וועגן זייערע אלטע מעשים, יעדערער איז פארפליכטעט זיי צו האלטן בכבוד, דען זייערע קערפערס האבן שוין גענוג מיט־

געמאכט דריי יאהר ליידן אין וועלכע זיי האבן שוין אפגעקומען אויף זייערע אלע עבירות און אויסגעלויטערט געווארן. זייענדיג אמת'דיגע בעלי תשובה און האבנדיג א לב נשבר וועלן זיי געוויס נישט רעאגירן אויף קיין אונרעכט קעגן זיי, אבער יעדערער זאהל וויסן דאס מ'טאהר דאס נישט אויסנוטצן און אזוי א שריט וועט גערעכנט ווערן פאר א גרויסן חטא דער פאר זאהל יעדערער זיך דערפון אויסהיטן!

דער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל האט געזעהן מ'זאהל זיי אויסבארגן א בעדייטענדע סומע געלד פון די קהלישע גמילות חסדים קאסע, כדי זיי זאהלן זיך קענען פשוט בעקליידן און דינגען פשוט'ע וואונונגען פאר זיך מיט זייערע פרויען און איינקויפן די נויטיגע געברויכן אויף צו קענען באשיידען לעבן. דאס איז געווען א הלוואה מיט'ן בעדינג דאס צו בעצאהלן אין זעהר קליינע צאהלונגען, כדי זיי זאהלן בשום אופן נישט דארפן נהנה זיין פון א מתנת בשר־ודם.

ס'איז איבעריג צו פאהרשטעלן דאס די אלע שטאט לייט האבן ריכטיג איינגעהאלטן דעם רבי'ס באפעל, ווי די בעלי־תשובה האבן נאר אהויס געטראטן אין שטאט זוכנדיג נאך ארבייט איז באלד געווארן א רייסעניש איבער זיי. יעדערער האט זיי געבעטן מ'זאהל צו איהם קומען, אלע האבן זיך פרובירט דינגען איבער זיי — קומט צו מיר! איך האב פאר אייך א ריינע ארבייט — קומט בעסער צו מיר, ביי מיר וועט איהר האבן א לייכטע ארבייט! — איך האב עפעס בעסערס! שרייט א דריטער — ביי מיר וועט איהר כמעט נישט האבן וואס צו טאהן און זיך פשוט אויס רוהען. אזעלכע און ענליכע קולות האבן זיך דערטראגן פון אלע זייטן ארום זיי, אבער זיי — די בעלי תשובה — האט איבערהויפט נישט אינטערעסירט אויף די ארבייט, זיי האבן נישט געזוכט קיין לייכטערס, קיין בכבוד'יגע ארבייט, וויפיעל מ'וועט זיי דערפאר בעלוינען, ביז ענדליך האבן זיי זיך שוין געטראפן עפעס א ארט און זענען דארטן געגאנגען טאהן וואס ס'איז דארט געווען צו טאהן.

ביי דער ארבייט האבן זיי זיך גארנישט געצערטלט, נאר פלייסיג געארבייט און דאס שטענדיג ערפיעלט אין גאר א קורצע צייט פיעל וועהניגער ווי פערהאפט. ווי נאר זיי האבן דאס געענדיגט טאהן האבן זיי געבעטן נאך און נאך ארבייט, דען דאס בעלוינונג זאהל נישט זיין בחינם און זיי זאהלן חלילה נישט געניסן פון אומזיסטיגן מענטשליכן גאב.

זייער ערליכע פיהרונג און טרייע דיענסט ביי זייערע בעלי־בתים איז געווען א מוסר השכל פאר אנדערע ארבייטערס וועלכע האבן צו געזעהן ווי די אויסגמוטשעטע הויט און ביין קערפערס האבן אזוי פלייסיג געארבייט. ווען מ'האט זיך דערמאנט זייערן געוועזענעם רייכן צושטאנד, און זייער געוועזענעם אויסזעהן קערפערליך אין פארגלייך צו זייער יעצטיגן אויס זעהן און פון צווייטן זייט זייער טרייהייט ביי דער ארבייט — האט מען נישט געקענט א דורך געהן אהן א התעוררות תשובה און דערביי טרערן צו לאזן.

ביסלעכווייז האבן זיי זיך צוריק איינגעפעדימט אין שטאט, ערליך געארבייט און זיך כשר פערדיענט זייער ברויט, זיי האבן זיך אויך ווייטער אינאיינעם געהאלטן און אזוי געפירט זייער לעבן רוהיג און באשיידן. נאך אקורצע צייט.

אמאהל אין א אווענד, נאכ'ן מעריב דאווענען און עפעס טועם זיין, דער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל איז זיך געזעסן פארטיעפט אין א געוויסן ענין וועלכן ער האט געוואלט א דורך טאהן, ווי דער שטייגער פון א גדול בתורה, פלוצים באמערקט ער ווי עפעס אימיצער שטייט ביי דער טיר פון זיין ספרים צימער, הכנעה'דיג און שטילערהייט כדי איהם ח"ו נישט צו שטערין אין מיטן זיינע הויכע געדאנקען. ער הויבט אויף זיינע אויגן און קוקט ארויס פונ'ם ספר, ער באמערקט צו זיין גרויס שטוינונג ווי די צוויי געוועזענע שותפים, די בעלי

תשובה שטייען פאר איהם און ווארטן אויף א געלעגענהייט דאס ער זאהל זיי באמערקן, דען זיי זענען נישט געווען אזוי דרייסט צו שטערן חלילה דעם רב אין מיטן זיין עיון און גורם זיין צו ביטול תורה ח״ו. ווי נאר ער האט זיי באמערקט האט ער זיי ענטפאנגען מיט גרויס שמחה און זיי אויפגענומען מיט א ברייט׳ן ״ברוך הבא״ און זעהר ליעבליך, ווי א טאטע צו זיינע ליעבע קינדער, צו זיי גערעדט: ווי כ׳זעה אויף אייך, זענט

איהר עפעס זעהר בעזארגט, זאגט מיר וואס דריקט אייך אויפ׳ן הארצן, האט ווער עפעס א עוולה באגאנגען קעגן אייך, אדער אפשר פעהלט אייך עפעס? דערצעהלט מיר און כ׳וועל מיט׳ן אויבערשטינס הילף אלעס טאהן כדי אייך צו פערלייכטערן.

הייליגער רבי! האבן זיי ביידע זיך זעהר יאמערליך צו וויינט, די טעג מיט די יאהרן רוקן זיך אונטער און אונזערע הערצער זענען איבערפילעלט מיט שרעק און מורא פאר דעם יום הדין. נישט אויף לאנג וועט זיך דאך דער טאג אונטער רוקן און מיר וועלן זיך דארפ׳ן שטעלן פאר׳ן הימלישן געריכט, אפגעבן דין וחשבון פאר אונזערע מעשים וועלכע מיר האבן באגאנגען אויף די וועלט! ווער ווייס, צו מיר זענען שוין גענונג אפגעקומען פאר אונזערע געפערליכע זינד, און צו דען איז שוין אפגעווישט געווארן דער רושם פון אונזערע גרויסע חטאים! ווען מיר דערמאנען זיך אין דעם שרעקליכן ליידן פון די אלע שבעה מדורי גיהנום און דעם לאנג יאהריגן שיקזאל פאר דעם גיהנום, ביי די מלאכי חבלה א.ז.וו. כאפט אונז אהן א שוידער, מיר וואלטן גערן זיך צוריק געלאזט אין אונזער גלות וועג און דעם ליידן אויף די וועלט כדי צו אפקומען און האבן א כפרה אויף אונזערע שרעקליכע זינד.

דער ״מגלה עמוקות״ זצ״ל האט זיי נישט געלאזט צופיעל שילדערן זייער מורא און האט באלד אנגעהויבן זיי צו בערוהיגן און טרייסטן. ער האט זיי פרובירט איינשטילן און זיי געזאגט: כ׳בין אייך מבטיח, אז איהר זענט ווי צדיקים גמורים! הלוואי זאל איך קומען אזוי ריין און געלייטערט אויף יענער וועלט ווי איהר וועט איבער הונדערט און צוואנציג יאהר א הינקומען. אייער גן־עדן וועט זיין חשוב׳ער ווי פון א צדיק גמור, ווי די הייליגע חז״ל זאגן דאס א בעל־תשובה איז אין א גרעסערע מדריגה פון א צדיק גמור.

**פארזעצונג וועט קומען אי״ה אין די קומענדיגע גליונות.**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פּאַסירונג

אין קורצן פון פריער: א קצב האט געהאדעוועט 2 יתומים, זיי זענען אויסגעוואקסן קצב־יונגען — עם־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג האבן זיי הונגער געליטן, כדי זיך פארבעסערן די לאגע האבן זיי די קונדן אומוויסנדיג אונטער געריקט טריפה פלייש וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גויים, אזוי האבן זיי אפגעשפארט א קאפיטאל און פאר זיך אליין געעפנט א יאטקע און ווייטער זיך אזוי געפירט און רייך געווארן, געטאן פיינע שידוכים, חתונה געמאכט קינדער. נאך שווערע אומגליקן רח"ל אין שטאט האט דער רב — דער מגלה עמוקות זצ"ל גוזר תענית געווען, מעורר תשובה געווען און אלץ נישט דערגאנגען עפעס א פארברעך ביז ווען איינער פון די שותפים האט געהערט אימיצן פון זיין הויזגעזינד לערנדיג די הארבקייט פון די עבירה און איז ערוועקט געווארן צו תשובה און אויך דעם שותף געברענגט צו תשובה, נאכן זיך מתודה זיין פאר'ן רב האט ער צוזאמען געשטעלט א בית־דין הגדול מ'זאהל זוכן א דרך תשובה פאר די צוויי און בעפאר דעם האט דער רב באפוילן בחרם חמור די אלע איינוואוינער זאהלן צוברעכן אלע כלים וואס מ'קען נישט כשר'ן און כשר'ן די וועלכע מ'קען יא כשר'ן, נאכדעם זענען זי געקומען הערן דעם סדר התשובה פון דעם בית דין הגדול — נאך לאנגע שקלא־וטריא'ס פון די רבנים איז אויסגעשטעלט געווארן א סדר התשובה וועלכן זיי האבן דאס גערן אהנגענומען, לויט דעם האבן זיי פאר דיקינדער אוועק געגעבן זייערע נויטיגע זאכן און פארשיקט פון זייער הויז און דאס אלעס איבעריגע פארברענט און נישט געלאזט קיין שריד ופליט פון די ערווערבונג באיסור, אפילו די בגדים וואס אויף זיי האבן זיי אויך געדארפט פארברענען נאכדעם ווי זיי האבן אויס געבעטלט אויף צו קויפן אלטע פראסטע שמאטעס אויף צודעקן זייער לייב. דערזעהנדיג די שטאדטישע נגידים בעטלען האט מען געמיינט אז זיי זענען געווארן "יורדים", מיט'ן צונויפגעבעטלט געלט האבן זיי געקויפט זעהר פראסטע בגדים. אזוי האבן זיי זיך ארומגעדרעהט אין אלע בתי־מדרשים און מניינים איבער די שטאט, דערצעהלט וועגן זייערע חטאים און וויינענדיג געבעטן מ'זאהל זיי מוחל זיין און בעטן השי"ת זיי צו מוחל זיין דערויף, נאכדעם זענען זיי אויס'ן בית החיים געגאנגען געבעטן מחילה ביי די קברים פון די לעצטע יאהרן וואס צוליעב זייערע זינד זענען זיי אוועק פון די וועלט פאר די צייט און זיי זיך ארויס געלאזט אין גלות אריין. זיי האבן געזוכט ווי צו פארמעהרן זייער ליידן און אויף זיך נאך מעהר מחמיר געווען און געזוכט ווי זיך צו פארשאפן פיין און בושות, אונטער וועגינס האבן זיי זיך גוט איבערגעטראכט און גוט איינגעזעהן ווי נאריש זיי זענען געווען און פארבלענדעט געווארן פונ'ם גלאנץ פון כבוד און געלט. זיי האבן זיך דריי יאהר ארום געדרעהט מיט ליידן און פיין אָן א שיעור, דאס אהנגענומען פאר ליעב. צו די דריי יאהר זענען זיי צוריק געקומען קיין קראקא און לויט דעם אנווייז פון רב האבן זיי געלעבט ווייטער נאר פון זייער יגיע־כפיים, דערווייטערט פון פארגעניגנס און נאר געזוכט ערליך ארבייטן און באדינען ת"ח. שרעקענדיג פאר'ן יום הדין האבן זיי געבעטן פונ'ם רב אז זיי ווילן ממשיך זיין גלות גייען. און יעצט לייענט ווייטער:

### דער בית־דין של מעלה זאל פאסקענען ווי דער בית־דין של מטה

טראָץ די אלע ווייכע רייד האט ער זיי נאך אלץ נישט געקענט בערוהיגן. זיי האבן ווייטער געזאגט: הייליגער רבי! מיר האבן דאך מורא און שרעקן זיך זעהר. אזוי האבן זיי אלץ געטענה'ט, ווען פון זייערע אויגן האבן זיך געגאסן די טרערן ווי פון א קוואל — זיי האבן געזאגט: הייליגער רבי! ווען מיר קענען עפעס קריגן א צייכן פון הימעל דאז אונדזער תשובה איז שוין אנגענומען געווארן אדער וויינִיגסטן עפעס א שריפט אז מיר האבן אויסגעפירט אלעס ווי דער

בית־דין הגדול האט אויף אונדז ארויף געלעגט דאס וואס זאהל אונדז געגעבן עפעס א זיכערקייט.

דער "מגלה עמוקות" זצ"ל האט זיי גוט מיטגעפיהלט און פארשטאנען זייער שרעק, דאס הארץ האט איהם וויי געטאהן זעהנדיג פאר זיך די צוויי תמי־מות'דיגע בעלי־תשובה, וועלנדיג זיי בערוהיגן, האט ער זיי צוגעזאגט צו געבן א כתב.

באלד האט ער גענומען א פאפיר און מיט די גענזענע פעדער, וועלכע איז געווען אויף זיין שרייב טיש, ביי וועלכען ער האט געשריבן זיינע חידושי תורה און שאלות ותשובות — האט ער געשריבן דאס פאלגענדע כתב:

"איך, דער שטאט רב פון די הייליגע קהילה קראקא, וועלכער כ'בין געשט־אנען אין שפיטץ פון דעם צוזאמען גערופענעם בית־דין הגדול, ביי וועלכן מ'האט באהאנדעלט דעם גאנצן ענין פון די געוועזענע זינד פון די צוויי קצבים־שותפים, און אין איינעם האבן מיר ארויס געגעבן א סדר תשובה, אזוי ווי זיי האבן דאס גענצליך מקיים געווען — בין איך גוזר אז פונקט ווי אזוי מ'האט געפאסק'נט אין בית־דין של מטה, אזוי זאה'ל אויך פאסק'ענען דער בית־דין של מעלה".

נאכדעם ווי דער "מגלה עמוקות" זצ"ל האט פאר זיי פארגעלייענט דאס וואס ער האט אין דעם כתב געשריבן, האבן זיי ביידע אויסגעשטרעקט די הענט און געוואלט דאס נעמען, יעדערער האט דאס געוואלט האלטן ביי זיך. דער רב האט נישט געוואוסט וואס דא צו טאהן. ענדליך האט ער דאס געגעבן פאר דעם שותף וועלכן ס'איז צום ערשט איינגע־פאלן צו תשובה טאהן, פארזיכערנדיג דעם צווייטן דאס דער כתב איז גילטיג פאר ביידע. דעמאלט זענען זיי ביידע א היים געגאנגען מיט רוהיגע געמיטער.

נאכדעם האבן זיי ווייטער ממשיך געווען זייער לעבן, ארבעטנדיג ביי די פארשידענע בעלי־בתים אין שטאט און טאקע פארברענגט זייער גאנצע צייט אין תשובה, מצוות מיט מעשים טובים. ווי נאר זיי זענען צוריק געקומען פון דעם טאג ארבייט האבן זיי עפעס געגעסן, צו דערהאלטן זיך דאס חיות, און גלייך נאכ'ן בענטשן זיך געלאזט אין שוהל אריין, דארט וואו זיי זענען געזעסן און צו געהערט צום לערנען, ארויס העלפן די מגידי שיעורים מיט דערלאנגען וואס זיי האבן געברויכט, דערלאנגען צו טרינקען פאר די וועלכע האבן געלערנט. וואו ס'איז נאר געקומען עפעס א מגיד אין שטאט, זענען זיי געווען די ערשטע און שטענדיגע צוהערערס. בכלל האבן זיי געזוכט צו ארויס העלפן פאר א יעדן מיט וואס נאר ס'איז זיי מעגליך געווען, אזוי אין אווענט און דאס זעלבע אויף פאר־טאָגס ביז צום עסין זייער אנבייסן. זיי האבן געזוכט צו הערן פון אנדערע ברכות און נאכזאגן אמן. קדושה'ס, אמן יהא שמיה רבא'ס א.ד.ג. האבן זיי געשלונגען אהן א שיעור.

טראצדעם וואס אלע קראקאווער אידן, האבן געוואוסט זייער פארגאנגענ־הייט, האט חלילה קיינער קיינמאהל נישט פוגם געווען בכבודם. אדרבא, מ'האט זיי געשעצט און זיך געהיטן פון דעם מינדעסטן פחיתת הכבוד אנטקעגן זיי. מ'האט זיך קיינמאל נישט בענוצט מיט זיי, כאטש זיי האבן יעדן אריינגע־קוקט אין די אויגן און פרובירט צו באמ־ערקן וואס יענעם פעהלט און מיט וואס מ'קען איהם באדינען, זיי זענען געווען זעהר אונטערטעניקט קעגן יעדן און ווען זיי האבן געהאט א געלעגענהייט אימיצן עפעס א נוץ ברענגען זענען זיי, טראץ זייער עלטער און אויסגעמוטשעטע קערפעס, גלייך דאס אויסגע־פיהרט.

## די לעצטע טעג ביי איינעם פון די בעלי־תשובה

אזוי זענען אדורך נאך עטליכע יאהר, און ווי דער דרך העולם איז אויף איינעם פון זיי, האסטיג אונטערגעקומען די זקנה יאהרן. דער קערפער האט זיך ביס־ליך געבויגן, די פיס זענען געווארן וואק־

עלדיג, די הענט האבן גענומען ציטערן און איז זעהר שוואך געווארן און שוין נישט פעהיג געווען צו ארבייטן. דאס האט זיך אויך אויף ווייטער געצויגן און איז צוגעקומען צו א לאגע דאס ער האט זיך שוין נישט געקענט אויפהויבן פון בעט געלעגן מאכטלאז אהן כוחות. ס'איז שוין גוט קענטיג געווען ווי ער איז ארויף אויף דעם וועג פון בדרך כל הארץ, דארט וואו ער שפאנט מיט גרויסע פוס־טריט... דאס איז געווען דער שותף וועלכער האט נישט געהאט דעם כתב וואס דער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל האט פאר זיי געשריעבן, אלס צייכן פארין געריכט פונים בית־דין של מעלה.

ווי מ'איז אין שטאט געוואויר געווארן אז איינער פון די בעלי־תשובה איז קראנק געווארן, זענען דער רב דער "מגלה עמוקות" זצ"ל מיט די גרויסע שטאט לומדים און דער "פני" פון שטאט צו איהם געגאנגען מבקר חולה זיין. ווי דער קראנקער האט דערזעהן ווי זיין קליין ארעם שטיבעלע איז פוהל געווארן מיט די חשוב'סטע לייט פון שטאט איז ער זעהר געריהרט געווארן פון דעם גרויסן כבוד וועלכן מ'האט איהם צו געטהיילט, ער האט זיך זעהר שטארק און ביטער צו וויינט.

די אלע אנוועזענדע האבן פארשט־אנען דאס די אורזאך פון זיין ביטערן געוויין איז צוליעב זיין שטארקע מורא פאר דעם נאהנטן געריכט וועלכער ס'ער־ווארטעט איהם גלייך ווי נאר ער וועט זיין נשמה אויסהויכן און וועט זיך דארפן שטעלן פארין בית־דין של מעלה אפגעבן דין־וחשבון אויף זיינע אלע מעשים וועלכע ער האט באגאנגען. זיי האבן איהם געטרייסט און איהם גענומען בערוהיגן דאס ער האט זיך נישט פון וואס צו שרעקן, דען ער איז שוין גענוג אפגעקומען אויף דעם עולם און גייט אריבער צו דעם ריכטיגן עולם ריין און אויסגעלויטערט אהן קיין שום רושם פון א חטא, אדרבא ער דארף זיך פרייען צו דעם וואס ער האט זוכה געווען נאך ביים לעבן רעכט צו תשובה טאהן און אריבער געהן צו דעם עולם שכולו טוב און נהנה זיין מזיו השכינה.

— נאך די אלע רייד מיט וועלכע מ'האט איהם געוואלט בערוהיגן, האט ער זיך צו זיי אנגערופן: "אבער נישט איך האב דאך דעם כתב, נאר מיין חבר"! האט דער שטערבליך־קראנקער זיך אויף דאס ניי צעוויינט — כ'שרעק זיך זעהר פארין יום הדין, דאס לייב גרוילט מיר פארין געפערליכן פחד, כ'זעה שוין פאר מיינע אויגן די שווערד פונים מלאך המות און אין דער זייט די מאסן מלאכי־חבלה וועלכע שטייען און ווארטן שוין אויס צו כאפן מיך און מקיים פסק־זיין ווי מיט די גרויסע חוט־אים און פושעים וועלכע ווערן ביי זיי אין די הענט איבערגעגעבן. דער רב האט איהם נאך א מאהל בערוהיגט און געזאגט פארין חולה דעם בעל תשובה: אין הימל ברויך מען נישט קיין כתב, השי"ת איז א בוחן כליות ולב און ווייסט פון אלע פארבארגענהייטן און פון איהם איז גארנישט פארהוילן. מיינענדיג דאס דערמיט איז שוין דער חולה בערוהיגט, זענען די אלע אוועק.

ווי ס'זענען אבער א דורך א געצע־הלטע פאר טעג, איז די לאגעביים חולה איז גאנץ ערנסט געווארן און די חברה קדישא לייט זענען שוין געשטאנען גרייט ביים שכיב־מרע רח"ל. אבער צוזעהנדיג זיין שווערן געמיהט, זיין יאמערן און וויינען דאס ער זעהט שוין די מלאכי חבלה מיט די מורא'דיגע גאפלען צו אויסכאפן זיין קערפער גלייך נאך יציאת נשמה, האבן זיי באין ברירה זיך געווע־נדעט צום רב און איהם געבעטן צו טרייסטן דעם גוסס און צו פערלייכטערן זיין שווערן געמיהט און פארקלעמט הארץ.

ווי דער "מגלה עמוקות" זצ"ל האט נאר אריינגעטראטן אין צימער פונ'ם חולה האט ער מיט די לעצטע כוחות זיך אהנגעשטרענגט און א געשריי געגעבן: **רבי!** די ליפען זענען שוין געווען בלאוי, זיין געזיכט געהל ווי א טרוקענער פארמעט, די טרערן האבן געפליסט ווי

פון א קוואל — **רבי!** כ'צאפל, כ'ציטער, כ'שרעק זיך, טאמער איז אין הימעל נאך נישט אהנגענומען געווארן מיין תשובה, און אז אַך און וועה וועט זיין צו מיין זינדיגע נשמה ווען כ'וועל זיך אוועק שטעלן פארן שופט כל הארץ, כ'וועל פון גיהינום קיינמאהל נישט ארויס, אין כף הקלע וועל איך פארווארפן ווערן, זיך ארומוואלגערן אין עולם התוהו און אפשר נאך מגולל ווערן אין עפעס א דומם ווייט פון אַ אידישן ישוב. דורכמאכן אום־מענטשליכע ליידן און זיינדיג. פארווארפן פון א אידישן ישוב וועל איך גאר קיין מאהל צו קיין תיקון נישט צוקומען.

דער בעל "מגלה עמוקות" זצ"ל האט געזעהן דאס צוליעב זיין גרויס תמימות און גרויס מורא וועט ער בשום אופן נישט קענען איהם געהעריג בערוהיגן, האט ער אויף איהם זעהר רחמנות בעקומען, צוזעהענדיג זיין ליידן אין די שווערסטע אומשטענדן און אין זיינע לעצטע ערנסטע מינוטן. ער האט אריינגעקלערט עפעס א פלאן מיט וואס איהם צו בערוהיגן און ס'איז איהם איינגעפאלן דעם פלאן ווי פאלגענד:

ער האט געלאזט רופן דעם צווייטן בעל תשובה — דער שותף וועלכער האט ביי זיך געהאט דעם "כתב" און אויף איהם בעפוילן ער זאהל דאס אוועק געבן דעם שכיב־מרע און פאר דעם וואס ער וועט איהם לאזן מיט זיך מיטנעמען אין קבר דעם כתב, זאהל דער גוסס איהם געבן א תקיעת כף, דאס ווי באלד ער וועט קומען צו זיין רוה, זאהל ער אין חלום קומען צום דעם לעבעדיגן שותף און איהם אלעס דערציהלן און פאהרשטעלן וואס מיט איהם האט זיך אפגעטאהן אויף דעם ריכטיגין עולם, פון זיין יציאת נשמה ביז קיום הפסק פון דעם בית־דין של מעלה.

## יציאת נשמה, די לויה, די שבעה און די שלושים

ווי נאר דער שותף האט דערלאנגט דעם "כתב" פאר דעם שכיב־מרע איז ער בארוהיגט געווארן און געגעבן דעם תקיעת־כף לויט דעם רבי'ס באפעהל, מ'האט שוין מער פון איהם קיין כרעכץ נישט געהערט און ביז א טאג האט ער אויסגעהויכט זיין אויסגעלייטערטע נשמה.

לויט'ן באפעהל פון דעם "מגלה עמוקות" איז דער בית־דין שמש ארום אין אלע בתי־מדרשים, שוהלן און מנינים און אויסגערופן אין נאמען פון רב — דער מרא דאתרא אויף "ביטול מלאכה" די צייט פון די לויה. אלע קראמען, וואהרשטאטן און געשעפטן זענען געשלאסן געווארן און צו די לויה האבן געשטראמט אלע אידישע איינוואוינערס פון שטאט, קליין און גרויס, יונג און אלט, אנשים, נשים וטף האבן זיך בעטהייליגט אין די לויה.

א לאנגן און פלאם־פייערדיגן הספד האט דער "מגלה עמוקות" געהאלטן ביי וועלכן די אלע אנוועזענדע האבן געכליפעט ווי קליינע קינדער און פארגאסן טייכן טרערן. מ'איז שטארק נתעורר בתשובה געווארן און אלע הערצער זענען ממש צובראכן געווארן. אינעם הספד האט ער פארגעשטעלט דעם גרויסן פגם פון דעם זינדיגן און מידה טובה מרובה, די גרויסקייט פון תשובה, וועלכע קען ברעכן אלע מסכים המבדילים צווישן אידן און דעם באשעפער אין הימעל און קען דערגרייכן ממש ביז צום כסא הכבוד, אפילו דער גרעסטער חוטא ופושע טאהר זיך אויך נישט מייאש זיין און דארף אייביג שטרעבן זיך אומקערן מיט א אמת'דיגע חרטה על העבר און קבלה על העתיד, נאר ער זאהל חלילה נישט זיין ווי א טובל ושרץ בידו ח"ו, נאר טאקע פארלאזן די אלע זינד און אויף זיך נעמען אויף ווייטער, דאס אלעס ווילאנג די אויגן זענען ביי איהם נאך אפען, אבער ווי נאר מ'פארמאכט די אויג דאן איז דאס שוין א מעוות לא יוכל לתקון און ס'איז שוין צו שפעט, ה' ישמרנו.

מ'האט דעם נפטר אריינגעלעגט אין האנד דעם "כתב" און מיט'ן גרעסטן

כבוד איהם מקבר געווען. דא האט דער רב אויסגערופן: **"פנו מקום! על נפש נקי וצדיק"!** א ריינע אויסגעלויטערטע נשמה וועלכע קעהרט זיך צוריק און ריין פון זינד כיום נתינתה.

יעדער טאג פון די "שבעה"-טעג איז דער "מגלה עמוקות" זצ"ל מיט די שעה־נסטע לומדים פון שטאט געקומען צום דאווענען אין די הויז פון דעם נפטר און דארט געלערנט א פרק משניות לעילוי הנשמה. די גאנצע שטאט לייט וועלכע האבן דאס געזעהן האבן דאס זעלבע גע־טאהן און דאס קליין שטיבעלע איז פארוואנדעלט געווארן פאר א מקום קדוש. דארטן איז נישט געווען גליך ווי אין א געוויינטליכער בית האֵבל רח"ל.

דארט וואו מ'קומט און מ'איז מנחם אבלים, מ'דאווענט די טעגליכע תפילות היום א.ז.וו. ווער ס'איז אריין אין די ד' אמות פון דעם שטיבעלע האט זיך גוט דערמאנט די גרויסע פאלאטצן און רייכע הייזער און געוואלדיג'ן רייכטום וועלכע דער נפטר האט אין אנפאנג זיך בעוואוינט און זעהנדיג ווי ווייט ער האט זיך אראפ געלאזט אויף די לעצטע יאהרן דארט וואו ער האט פארבראכט מיט אמת'דיגע תשובה, האט דאס געווארפן א פחד און יראת החטא. מ'איז נתעורר געווארן צו תשובה, אין דעם ריכטיג'ן זין ווי אין פסוק שטעהט: "טוב ללכת אל בית אבל" (קהלת ז, א) יעדעס מאהל ווען מ'האט נאכגעזאגט אמן יהא שמיה רבא איז דאס געווען מיט גרויס כוונה און התעוררות ווי מ'האט אזעלכעס קיינ־מאהל נישט געזעהן ערגעץ אנדערשט וואו, דער קול תורה און תפילה איז דארטן כמעט נישט שטיל געווען די גאנצע "שבעה"-טעג.

די גאנצע שבעה־טעג, האט דער צוו־ייטער שותף — דער בעל תשובה אומגע־דולדיג געווארט אויף דעם חלום, אין וועלכן זיין געוועזענער חבר און שותף האט געזאהלט צו איהם קומען און מקיים זיין דעם תקיעת־כף וועלכן ער האט איהם געגעבן דאס ער זאהל איהם קומען דערצעהלן און פאהרשטעלן אלעס וואס מיט איהם האט זיך אפגע־טאהן פון זייט יציאת הנשמה ביז ווען ער איז צוגעקומען צו זיין רוהה, אבער אומ־זיסט איז געווען זיין ווארטן. יעדער טאג האט ער זיך אויפגעהויבן פון שלאָף פאר דאגהיט און פערזארגט, פארוואס דער נפטר לאזט זיך איבערהויפט גארנישט הערן. ער האט זיך געטרייסט, אפשר נאך די "שבעה"-טעג וועט ער שוין קומען, ער האט שוין אומגעדולדיג געווארט אויף די ערשטע נאכט פון נאך דער "שבעה". ווי ס'איז אונטערגעקומען די נאכט האט ער זיך געלייגט שלאפן מיט די מחשבה דאס ער וועט שוין זעהן דעם חבר זיינעם אין חלום און עפעס געוואהר ווערן וואס ס'האט זיך מיט איהם אפגעטאהן.

אבער פון גרויס התרגשות, האט ער באין אופן נישט געקענט אנטשלאפן ווערן, ער האט זיך דערויף זעהר געער־גערט אבער אזוי איז א דורך א שעה נאך א שעה פון די נאכט און ער האט אלץ נישט געקענט אנטשלאפן ווערן. ערשט ענדע נאכט איז ער קוים וואס נאר אנטשלאפן געווארן. ער איז אזוי פון גרויס מידעקייט געשלאפן ביז עטליכע שעה אין טאג אריין און דערנאך מיט גרויס ענטוישונג זיך אויפגעכאפט פון שלאף און דעם חבר נאך אלץ נישט זוכה געווען צו זעהן אין חלום. ער איז פוהל געווארן מיט צער און ערגערניש אויף דעם.

אזוי אהנגעצויגן זענען אויף איהם אדורך געגאנגען א נאכט נאך א נאכט, א וואָך נאך א וואָך און דער שותף האט זיך נאך צו איהם נישט בעוויזן. ער איז שוין זעהר איבערגעקלערט געווארן און געט־ראכט דאס ער וועט שוין צו איהם נישט קומען. ער האט זעהר מורא באקומען אויף דעם וואס ער איז געבליעבן אהן א חלום און אהן א כתב, וואס וועט זיין מיט איהם און מיט זיין נשמה ווען זיין צייט וועט קומען צו פארלאזן דעם עולם. ס'האט איהם ארום גענומען א מורא און א שרעק און נישט געוואוסט ווי זיך א עצה צו געבן. אזוי איז א דורך

געגאנגען די גאנצע "שלושים"־טעג און דער חבר איז נאך אלץ נישט געקומען ווי ער האט זיך מיט א תקיעת־כף פערפליכטעט.

**פארזעצונג אין די קומענדיגע וואך אי"ה.**

# דער תיקון פאר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטארישע פאסירונג

אין קראקא פון פריער א קצב האט געהאדיעוועט 2 יתומים, זיי זענען אויסגעוואקסן קצב-יונגען – עם-הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג האבן זיי הונגער געליטן, כדי זיך פארבעסערן די לאגע האבן זיי די קונדן אומוויסנדיג אונטער געגרוקט טריפה פלייש וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גויים, אזוי האבן זיי אפגעשפארט א קאפיטאל און פאר זיך אליין געעפנט א יאטקע און ווייטער זיך אזוי געפירט און רייך געווארן. געטאן פיינע שידוכים, חתונה געמאכט קינדער. נאך שווערע אומגליקן רח"ל אין שטאט האט דער רב – דער מגלה עמוקות זצ"ל גוזר תענית געווען, מעורר תשובה געווען און אלץ נישט דערגאנגען עפעס א פארברעך ביז ווען איינער פון די שותפים האט געהערט אימיצן פון זיין הויזגעזינד לערנדיג די הארבקייט פון די עבירה און איז ערוועקט געווארן צו תשובה און אויך דעם שותף געברענגט צו תשובה, נאכן זיך מתוודה זיין פאר'ן רב האט ער צוזאמען געשטעלט א בית-דין הגדול מ'זאהל זוכן א דרך תשובה פאר די צוויי און בעפאר דעם האט דער רב באפוילן בחרם חמור די אלע איינוואוינער זאהלן צוברעכן אלע כלים וואס מ'קען נישט כשר'ן און כשר'ן די וועלכע מ'קען יא כשר'ן, נאכדעם זענען זי געקומען הערן דעם סדר התשובה פון דעם בית דין הגדול – נאך לאנגע שקלא-וטריא'ס פון די רבנים איז אויסגעשטעלט געווארן א סדר התשובה וועלכן זיי האבן דאס גערן אהנגענומען, לויט דעם האבן זיי פאר דיקינדער אוועק געגעבן זייערע נויטיגע זאכן און פארשיקט פון זייער הויז און דאס אלעס איבעריגע פארברענט און נישט געלאזט קיין שריד ופליט פון די ערווערבונג באיסור, אפילו די בגדים וואס אויף זיי האבן זיי אויך געדארפט פארברענען נאכדעם ווי זיי האבן אויס געבעטלט אויף צו קויפן אלטע פראסטע שמאטעס אויף צודעקן זייער לייב. דערזעהנדיג די שטאדטישע נגידים בעטלען האט מען געמיינט אז זיי זענען געווארן "יורדים", מיט'ן צונויפגעבעטלט געלט האבן זיי געקויפט זעהר פראסטע בגדים. אזוי האבן זיי זיך ארומגעדרעהט אין אלע בתי-מדרשים און מניינים איבער די שטאט, דערצעהלט וועגן זייערע חטאים און וויינענדיג געבעטן מ'זאהל זיי מוחל זיין און בעטן השי"ת זיי צו מוחל זיין דערויף, נאכדעם זענען זיי אויפ'ן בית החיים געגאנגען געבעטן מחילה ביי די קברים פון די לעצטע יאהרן וואס צוליעב זייערע זינד זענען זיי אוועק פון די וועלט פאר די צייט און זיי זיך ארויס געלאזט אין גלות אריין. זיי האבן געזוכט ווי צו פארמעהרן זייער לידן און אויף זיך נאך מעהר מחמיר געווען און געזוכט ווי זיך צו פארשאפן פיין און בושות, אונטער וועגינס האבן זיי זיך גוט איבערגעטראכט און גוט איינגעזעהן ווי נאריש זיי זענען געווען און פארבלענדעט געווארן פונ'ם גלאנץ פון כבוד און געלט. זיי האבן זיך דריי יאהר ארום געדרעהט מיט לידן און פיין אָן א שיעור, דאס אהנגענומען פאר ליעב. צו די דריי יאהר זענען זיי צוריק געקומען קיין קראקא און לויט דעם אנווייז פון רב האבן זיי געלעבט ווייטער נאר פון זייער יגיע-כפיים, דערוויטערט פון פארגעניגנס און נאר געזוכט ערליך ארבייטן און באדינען ת"ח. שרעקענדיג פאר'ן יום הדין האבן זיי געבעטן פונ'ם רב אז זיי וילן ממשיך זיין גלות גייען. דער "מגלה עמוקות" האט געזאגט דאס זיי זענען שוין גענוג אפגעקומען און כדי זיי בארוהיגן האט ער זיי ארויס געגעבן א כתב אז דער בי"ד של מעלה זאהל פסק'ענען ווי דער בי"ד של מטה. דער וועלכער איז פריהער נתעורר געווארן צו תשובה האט באקומען דעם כתב. נאך א געוויסע תקופה האט דער אנדערער געהאלטן ביים אוועק גיין פון דעם עולם און נאך גרויס געוויין פאר אימת יום הדין האט דער "מגלה עמוקות" געהייסן דעם שותף געבן דעם כתב פאר דעם וואס האלט ביים איבער גיין אויפן עולם האמת און דערפאר זאל ער נאך זיין פטירה דערצעהלן אין חלום פאר'ן חבר די השתלשלות העניינים פון יציאת הנשמה ביז צום קיום הפסק פונ'ם בי"ד של מעלה. נאך די פטירה האט דער לעבעדיגער שותף געווארט די גאנצע שלושים טעג אויף דעם חלום און נאך אלץ האט דער חבר זיך נישט בעוויזן צו איהם. און יעצט לייענט ווייטער:

ער איז שוין פערצווייפעלט געווען, און נישט געוואוסט וואס צו קלערן, ער האט געקלערט צו זאל ער נישט אריבער גיין צום רב און אויסגיסן זיין ביטער הארץ פאר איהם, אבער ער איז נישט גענוג דרייסט געווען ביי זיך, ער האט זיך געקלערט ווי קען ער גיין נאך א מאהל שטערן דעם רב פון זיין עבודת הקודש, וואס ער איז געווען זעהר באלעסטיגט פון די גרויסע קהילה און דערצו נאך פון נאהנט און פון דערווייטענס האט מען זיך אלץ צו איהם געווענדעט מיט וויכ־טיגע כלל ענינים, און ווי קען ער זיך צו איהם ווענדן און דעם קאפ פארדרייען מיט זיינעם א פריוואטן ענין. מיט אזעלכע געדאנקען איז ער ארום דעם גאנצן שלושים׳דיגן טאג און מיט די געדאנקען האט ער זיך אויך געלעגט שלאפן. פון פיעל קלערן און טראכטן און פיבערהאפטיגע אנשטרענגונג מיט׳ן קאפ איז ער גלייך אנטשלאפן געווארן.

## במקום שבעלי תשובה עומדים

ווי נאר די אויגן האבן זיך איהם פער־מאכט, פלוצים, דערזעהט ער ווי ביי איהם אין שטיבעל איז ליכטיג געווארן ממש ווי אין א העל שעהנעם אויסגעלוי־טערטער זומער טאג, ער וואונדערט זיך זעהר, אט דא נאר וואס איך האב זיך געלעגט שלאפן, און אין הויז ביי איהם איז גוט טונקעל געווען, פון וואו האט אזוי א ליכטיגקייט אויסגעשיינט, אין די צייט ווען אין דעם פאררוקטן שטיבעל איז קיינמאהל נישט אזוי ליכטיג אויך אין מיטן העלן טאג. ער האט געוואלט זיך אומקוקן און זעהן וואס דארט איז געשעהן, אבער ער האט בשום אופן נישט געקענט. דען די ליכטיגקייט האט איהם אריינגעשטראלט אין די אויגן אריין, ער פרובירט זיך אנשטרענגען און א קוק טאהן פון די זייט, דערזעהט ער צו זיין גרויס איבערראשונג זיין געשטארב־ענעם געוועזענעם שותף, אהנגעטאהן אין זיינע קלאר ליכטיגע ווייסע תכרי־כים, שפאגל ניי גלייך ווי א פריש געפאל־ענער שניי, און ער האט דאס אזוי געלויכטן אין אזוי א מאס גלייך ווי די העל קלארע שיינענדיגע זון וואלט געווען פון איהם שפיגעל. א הייליגער גייסט האט אויף איהם גערוהט, נישט צום פאהרשטעלן, ער האט געפיהלט ממש גלייך ווי די שכינה רוהט איבער איהם. ער האט זעהר גוט געדענקט אז פאר איהם שטעהט דא זיין געוועזענער שותף, מיט וועלכן ער האט צעהנדליגער יאהרן צוזאמען געלעבט. ער האט ביי זיך געהאט געקלערט, דאס ער וועט איהם געוויס זעהן אומגעפער ווי ער האט איהם געזעהן אין זיינע לעצטע טעג און מינוטן פאר זיין פטירה, און אפשר נאך מעהר פערפייניגט און פארשווארצט, פונדעם עונש אויפן עולם האמת, און דא צו זיין גרויס וואונדער האט ער איהם געזעהן מיט אזוי א שינוי צורה פון טאג ביז נאכט. ער האט שוין פון לאנג געהאט פארגעסן זיין ריכטיגע שטים, דען אין פארלויף פון זייט זיי האבן זיך גענומען צו חוזר בתשובה זיין, איז זיין קול גאנצן, פאר אומערט געווארן, און דא איצט הערט ער ווי ער האט צו איהם גענומען רעדן מיט א זיסע שטים, גלייך ווי א זיידענער יונגערמאן זינגט זיך אינטער מיט זיין גמרא׳ניגונדל זיצנדיג ביים לערנען אין גאנצן קדושה וטהרה׳דיג. גארנישט מעלמא הדין. ווייט ווייט פון זיין פארצייטישע גראבע קצב׳ישע שטים, ווייט פון דעם אלטן מגושם׳דיגן קול וועלכער האט עדות געזאגט אויף זיין שטיק עם־הארץ׳דיג וועזן, גארנישט קיין גלייכן צום גאנצ זעלטענעם סארט רעדן פון זייט זייער בעל־תשובה׳דיגן לעבן, ממש שכינה מדברת מתוך גרונו — ליבער חבר! — האט זיך דער פארש־טארבענער שותף צום איהם געווענדעט — די אונטערשטע וועלט האט גארנישט קיין אהנונג און ווייסט איבערהויפט נישט ווער דער הייליגער "מגלה עמו־קות" איז, זיין געוואלדיגע צדקות און גרויסקייט און ברייטן פארנעם, מיהאט גארנישט קיין בעגריף ווי ווייט אהנגע־

זעהן ער איז אין די אלע עולמות עליונים, זיין ווארט און דעה וועלכע ער האט אויבן, אין די אלע עולמות איז ער א יוצא ונכנס און אלעס איז דארטן פאר איהם אפן. גלייך ווי א מענטש ביי זיך אין דערהיים, וואס און וואו ער פסק'נט איז הלכה כמותו בכל מקום און קיין שום עוררים איז נישטא קענן זיין מיינונג.

נאכדעם האט ער זיך צו איהם געווענדעט און ווייטער געזאגט: אצונד וועל איך דיר אלעס גענוי דערצעהלן וואס האט מיט מיר פאסירט פון זייט די יציאת נשמה ביז א צונד.

ערשטינס מוז איך דיר זאגן, דאס מיר ווייסן אליין נישט ווי ווייט מיר דארפן דאנקען און לויבן השי"ת פאר דעם חסד וואס ער האט אונדז געטאהן און צוגעפיהרט דאס מיר זאלן קומען אויף די געדאנקען צו תשובה טאן. די גאנצע שרעק פאר דעם יום הדין איז גאר נישט אומזיסט, דער מענטש מיט זיין באגרעניצטן שכל אויף די אונטערשטע וועלט קען דאס גאר נישט בעגרייפן וואס דאס מיינט צו זינדיגן מיט דעם קלענסטן חטא ח"ו, דער רושם וואס דאס מאכט אין די עולמות, דער אויסערגעוועהנטליכער קלקול מיט די אלע רעזולטאטן, די דירעקטע פון דעם און גלייכצייטיג פון די נייגעווארענע זינד, פון די וועלכע קומען נאך אונטער צוליעב די רעזולטאטען און אזוי ווייטער עד אין סוף. גארנישט ווערט נישט פארלארן, אלעס קומט פאהר ווי לעבעדיג, אויך די תוצאות און די תוצאות פון די תוצאות עד אין סוף, ביז דאס קומט צו צו א גענצליכע פארניכטונג. ווינד און וועה וואלט געווען צו אונזערע נשמות ווען מיר וואלטן ח"ו נישט געווען צוגעקומען צו תשובה טאן אויף די אונטערשטע וועלט, דארט וואו ס'איז נאך מעגליך צו תשובה טאן און מ'קען נאך מתקן זיין דאס וואס מ'האט קאליע געמאכט. ווען נישט אונזער תשובה וואלטן מיר חלילה פארפאלן געווארן אויף אייביגע אייביגקייטן, דען נישט בלויז פארן מאכיל זיין טריפות און נבילות מיט חֵלב וואלט מען **אונז געווען געדארחכו משפטי'ו. דעו** שטעל זיך פאָר יעדער אומגליק וועלכער איז צוליעב די עבירות געשעהן און ווען אימיצער איז צוליעב דעם אוועק פאר די צייט, האבן דאך דערביי געליטן עגמת-נפש די גאנצע נאהנטע פעמיליע און הונדערטער בעקאנטע און גוטע פריינד, פאר דעם וואלטן מען אונז איינגערעכנט דעם צער פון די אלע. נאכדעם, ווען ס'זענען געבליבן יתומים'לאך מיט א אלמנה און נישט געהאט קיין פרנסה גענוגג — פרישע יאהרן ערגערניש פון עטליכע נפשות, אויך פון די אלע נאהנטע וואס האבן מיט לייד געהאט מיט זיי. נאכדעם — די קינדער האבן זיך נישט געקענט ערציהען ווי ס'באדארף צו זיין, נישט אויסגעוואקסן ווען דעם קיין תלמידי חכמים אדער נישט גענוג יראי שמים און נאך און נאך פיעלע חשבונות פאר וועלכע מ'וואלט געווען געדארפט באצאלן מיט דעם פולן מיצוי הדין אהן קיינע וויתורים.

אלזא מיין ליבער חבר, ווי נאר כ'האב אויסגעהויכט מיין נשמה, אזוי זענען באלד געקומען צו פליהען מלאכי-חבלה, כל מיני משחיתים און קליפות פיעל כחול הים, וועלכע זענען באשאפן געווארן פון די פיעלע חטאים פאר'ן חוזר בתשובה זיין. זייער אויסזעהן האט אויף מיר שוין געווארפן א געוואלדיגן פחד, מ'האט געקענט הונדערט מאהל שטארבן פון שרעק אליין, קוקנ'דיג אויף זיי. צווישן זיי איז געווען וועלכע האבן אויס געזעהן ווי כל מיני הונגעריגע חיות רעות, גייענדיגע און קריכענדיגע, פייערשפייענדיגע שלאנגען, און נאך פיעלע פארשידענע פארכטיגע ברואים מיט א געמיש פון ווילדע מענטשן און חיות רעות אינאיינעם און שווארצע ווי קויהל, מיט א רוצחי'שן אויסזעהן און בלוטדארשטיגע צאהרנדיגע אויגן, און אין די הענט ביי זיי פערבלוטיגטע שפיזן אויסגעשטרעקט קענן מיר צו דערשטעכן. זיי האבן נאר געלעכצעט מיר צו א כאפ טאהן און מיט מיר ערגעץ וואו אין



**דער בית־עולם אין קראקא**

תוהו ובוהו אוועק פליהען.

אבער אין דעם זעלבינן מאמענט, האבן זיך נעבן מיר אוועק געשטעלט, פיער ווייסע מלאכים מיט א השראת השכינה אויסזעהן, אייגער פון זיי איז ביי מיר געשטאנען צו קאפינס, איינער צופוסנס און די אנדערע צוויי פון מיינע בײדע זייטן. זיי האבן נישט פון מיר אפגעטראטן אויף קיין סעקונדע ביז נאך די טהרה. ווי נאר די אלע מלאכי־חבלה מיט די אלע אנדערע מוראדיגע ברואים זענען צוגעקומען ביז צו זיי האבן זיי זיך געמוזט אפשטעלן און מיט קריצענדיגע ציין זענען זיי געשטאנען אהנגעצויגן נישט האבנדיג די מעגליכקייט זיך דערנענטערן צו מיר.

ווי נאר מ'האט מיך ארויסגעטראגן און דעם ארון געפיהרט צום ריכטונג פונים בית־החיים, האבן מיך ארומגערינגעלט מלאכי־מעלה וועלכע זענען באשאפן געווארן פון די מצוות, כאטש די מלאכי חבלה און די משחיתים זענען געווען א ריזן צאהל כחול הים ממש, דאך האבן זיך נישט געהאט בכוח צוטרעטן צו מיר און מיר שלעכטס טאהן.

ווען מ'האט מיין קערפער אראפגעלאזט אין קבר אריין. נאך איידער מ'האט געהאט דערויף געשאטן די ערשטע לאפעטע ערד, איז געווארן ביי די אלע משחיתים א געשטופעניש און א נעפערליכער לארם און געוואלט מיך ארויס כאפן. אבער די אלע הייליגע מלאכים זענען ארום מיר געשטאנען ווי א מויער און נישט אפגעטראטן פון מיר און אויף קיין סעקונדע נישט אוועק גענומען זייערע הייליגע בליקן פון מיר.

נאכ'ן פארשיטן דעם קבר און סתימת הגולל, ווען אלע באגלייטערס מיט דעם רב בראשם, זענען אוועק, זענען נאך די פיר הייליגע מלאכים געבליבן היטן אויף דער וואך און נישט אפגעטראטן פון קבר אפילו אויף א רגע כדי ס'זאהל מיר חלילה קיין בייז נישט געשעהן.

דאן זענען געקומען אנדערע פיער לייטזעליגע מלאכים אין ווייסן אהנגעטאהן און אוועקגעפיהרט מיין נשמה צום בית־דין של מעלה. כ'האב זיך געטראגן אין די הימלישע הויכקייטן, זיך געפיהלט לייכט און גרינג, געשוועבט ווי א הימלישער זעקס־פליגעלדיגער מלאך אין די העכערע ספערן. באלד דערנאך בין איך אריינגעקומען אין אזא א בלענדענדיגער שיינענדע ליכטיגקייט, וועלכע איהר אין די אונטערשטע וועלט קענט זיך נישט אין דער פאנטאזיע דאס פארשטעלן. ס'האט מיר אדורך גענומען אזוי א מין גליקזעליגקייט און הויך

גייסטיגער תענוג וואס מ׳קען נישט אויסדריקן און פארשטעלן מיט א ווערטער משל, דען ס׳איז נישטא קיין גלייכן צו דעם אויף די אונטערשטע וועלט. אויך ווען מ׳זאהל קענען צוזאמענעמען אלע גרעסטע מיני תענוגים פון די וועלט פון א גאנצן לעבן און פון דעם געניסן מיט א מאהל אין איינעם, איז דאס נאך נישט קיין מינדעסטער דמיון דערצו.

די פיר מלאכים האבן מיר צוגעפיהרט אין א פאלאץ וואס האט אויסגעזעהן ווי לויטער קרישטאל און גינגאלד, מיט פענסטער ווי ריזן דימאנטן וועלכע האבן געבליצט ווי די זוהן שיינענדיג מיט די אלע פארבן פון רעגענבויגן. כ׳בין געבליבן ענטציקט און ממש נבהל ונשתומם געווארן פון די ג-ט׳ס פארכטיגן אויסזעהן. פון פארנט, פאר׳ן ריזן טויער איז געווען פייערדיגע אותיות ״מקום המשפט״, ביים אריינגאנג פארשידענע חיות, אויך אויף א הימל׳ישן אויסזעהן וועלכע שטייען ארום און ווען א זינדיגער האלט ביים אריין גיין ברומען זיי מורא׳דיג און גלייכצייטיג ווען א צדיק קומט אריין באשמעקן זיי דעם פלאץ מיט א ריח גן־עדן, זיי פיהרן זיך מיט א יעדן לויט זיינע מעשים. די מלאכים האבן מיר אויף זייערע פליגלען אריינגעטראגן אין דעם ״מקום המשפט״, דאס איז פאר מיינע אויגן ענטפלעקט געווארן אזוי פיעל זאכן אז כ׳האב אליין נישט געוואוסט וואו פריהער צו פארווענדן מיינע בליקן. די גרויסקייט פון דעם זאל איז נישט מיט׳ן אויגנבליק צו ארומנעמען. די ווענט, דער סופיט און די פאדלגע זענען אויסגעפלאסטערט מיט בלענדעדיגע שיינענדע איידעלשטיינער, וועלכע שטראהלן ווי די ליכטיגקייט פון די זון. די זון אויף דעם אונטערשטן עולם איז ווי טונקעל אנטקעגן זיי. אין דערמיט פון זאל, שטעהן א ריזיגער טיש, ארום באזעסן מיט דעם בית־דין של מעלה — לויטער פייערדיגע מלאכים, אויבן אהן שוועבן מיט פייערדיגע אותיות ״משה אמת ותורתו אמת״ און אויף דעם טיש ליגט אויסגעשפרייט א גרויסע פייערדיגע ספר תורה.

צו דעם דאזיגן טיש האט מען צוגעפיהרט די נאר־יעצט ארויף געקומענע נשמות פון דעם עולם התחתון, כדי דא זיי צו משפט׳ין אויף זייערע מעשים אין פארלויף פון זייער לעבן.

פאר׳ן משפט׳ין יעדע נשמה, ווערט אויפגעמישט א ספר הזכרונות, פון וועלכן מ׳לייענט ארויס אלעס וואס דער מענטש האט געטאהן אין פארלויף פון זיין לעבן. קיין איין־איינציגער, אפילו דער קלענסטער פרט אויך קיין שום ווארט וועלכ׳ן מ׳האט ארויס גערעדט אויף די קלענסטע שיחה קלה איז פון דארט נישט פארהוילן. אלעס קומט פאהר מיט לעבעדיגע פארבן, אלעס זעהט זיך לעבעדיג און ווירקליך, גלייך ווי מ׳וואלט דאס אין יענעם מאמענט אפף געטאהן אדער ארויס גערעדט, מיט די זלעבע פאזע ווי ביים לעבן ווען דאס איז טאקע געשעהן. אויף אלעמען איז דער בעל המעשה אונטער געשריעבן נאכדעם ווי די גאנצע פאסירונג איז מיט זיין אייגענע שריפט אויף פאהרגעשריעבן. ביי יעדן משפט שטעלן זיך מלאכי־רחמים וועלכע זענען סניגורים און מליצי יושר און אין קעגן טהייל אויך מלאכי־דין וועלכע זענען די מקטריגים. די נשמה אליין איז אין די גרעסטע מערהייט פארציטערט און דערשראקן און איז נישט בכוח זיך אליין עפעס צו פארענטפערן ווען מ׳ווארפט פאהר די אלע חטאים וואס דער מענטש האט באגאנגען און וועלכע די מלאכי־דין האגלען אויף זיי. צו דעם אלעם ווערט אויך געברענגט עדות דערויף, נישט בלויז לעבענדיגע עדות נאר אפילו פון די דוממים — די ווענט און באלקינס פון שטוב א.ד.ג. וועלכע דערצעהלן אלעס וואס מ׳האט באגאנגען פארבארגענערהייט אין שטוב ווען קיין שום נברא האט דאס נישט געזעהן.

די פסקים וועלכע ווערן פאראורטיילט זענען פערשידענארטיג, א טייל פסק׳נט מען גיהנום, יעדערן אין זיין

געוויסן מדור וואס קומט איהם, אין שאול־תחתית, אין כף הקלע. אנדערע דארפן מגולגל ווערן און נאך א מאהל אראפ אויף די אונטערשטע וועלט אין מענטשן, אנדערע אין בהמות, אין געוויקסן, אדער אין עפעס א שטיין אדער א א אנדער דומם. נאך אזוי א משפט ווערט די נשמה אויפגעכאפט דורך די מלאכי־חבלה — וועלכע זענען באשאפן געווארן פון די דאזיגע עבירות און זענען מקיים פסק. די נשמה נעביך, יאמערט און קלאגט האט חרטה און בעט רחמים, אבער אין די הימלישע וועלט, איז חרטה שוין נישט גאנגבאר, ווי אין די ערדישע וועלט.

**פאהרזעצונג קומט אי״ה די קומענדיגע וואך.**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פּאַסירונג

אין קורצן פון פריער: א קצב האט געהאדעוועט 2 יתומים, זיי זענען אויסגעוואקסן קצב־יונגען – עם־הארצים. צוליעב זיין ברוטאלע באציהונג האבן זיי הונגער געליטן, כדי זיך פארבעסערן די לאגע האבן זיי די קונדן אומוויסנדיג אונטער גערוקט טריפה פלייש וואס זיי האבן פאר ביליג געקויפט ביי די גוים, אזוי האבן זיי אפגעשפארט א קאפיטאל און פאר זיך אליין געעפנט א יאטקע און ווייטער זיך אזוי געפירט און רייך געווארן, געטאן פיינע שידוכים, חתונה געמאכט קינדער. נאך שווערע אומגליקן רח"ל אין שטאט האט דער רב – דער מגלה עמוקות זצ"ל גוזר תענית געווען, מעורר תשובה געווען און אלץ נישט דערגאנגען עמעס א פארברעך ביז ווען איינער פון די שותפים האט געהערט אימיצן פון זיין הויזגעזינד לערנדיג די הארבקייט פון די עבירה און איז ערוועקט געווארן צו תשובה און אויך דעם שותף געברענגט צו תשובה, נאכן זיך מתודה זיין פאר'ן רב האט ער צוזאמען געשטעלט א בית־דין הגדול מ'זאהל זוכן א דרך תשובה פאר די צוויי און בעפאר דעם האט דער רב באפוילן בחרם חמור די אלע איינוואוינער זאהלן צוברעכן אלע כלים וואס מ'קען נישט כשר'ן און כשר'ן די וועלכע מ'קען יא כשר'ן, נאכדעם זענען זי געקומען הערן דעם סדר התשובה פון דעם בית דין הגדול – נאך לאנגע שקלא־וטריא'ס פון די רבנים איז אויסגעשטעלט געווארן א סדר התשובה וועלכן זיי האבן דאס גערן אהנגענומען, לויט דעם האבן זיי פאר דיקינדער אוועק געגעבן זייערע נויטיגע זאכן און פארשיקט פון זייער הויז און דאס אלעס איבעריגע פארברענט און נישט געלאזט קיין שריד ופליט פון די ערווערבונג באיסור, אפילו די בגדים וואס אויף זיי האבן זיי אויך געדארפט פארברענען נאכדעם ווי זיי האבן אויס געבעטלט אויף צו קויפן אלטע פראסטע שמאטעס אויף צודעקן זייער לייב. דערזעהנדיג די שטאדטישע נגידים בעטלען האט מען געמיינט אז זיי זענען געווארן "יורדים", מיט'ן צונויפג־עבעטלט געלט האבן זיי געקויפט זעהר פראסטע בגדים. אזוי האבן זיי זיך ארומגעדרעהט אין אלע בתי־מדרשים און מניינים איבער די שטאט, דערצעהלט וועגן זייערע חטאים און וויינענדיג געבעטן מ'זאהל זיי מוחל זיין און בעטן השי"ת זיי צו מוחל זיין דערויף, נאכדעם זענען זיי אויפ'ן בית החיים געגאנגען געבעטן מחילה ביי די קברים פון די לעצטע יאהרן וואס צוליעב זייערע זינד זענען זיי אוועק פון די וועלט פאר די צייט און זיי זיך ארויס געלאזט אין גלות אריין. זיי האבן געזוכט ווי צו פארמעהרן זייער ליידן און אויף זיך נאך מעהר מחמיר געווען און געזוכט ווי זיך צו־פארשאפן פיין און בושות, אונטער וועגינס האבן זיי זיך גוט איבערגעטראכט און גוט איינגעזעהן ווי נאריש זיי זענען געוועזן און פארבלענדעט געווארן פונ'ם גלאנץ פון כבוד און געלט. זיי [illegible]אבן זיך דריי יאהר ארום געדרעהט מיט ליידן און פיין אָן א שיעור, דאס אהנגענומען פאר ליעב. צו [illegible]י דריי יאהר זענען זיי צוריק געקומען קיין קראקא און לויט דעם אנווייז פון רב האבן זיי געלעבט ווייטער נאר פון זייער יגיע־כפיים, דערוויטערט פון פארגעניגנס און נאר געזוכט ערליך ארבייטן און באדינען ת"ח. שרעקענדיג פאר'ן יום הדין האבן זיי געבעטן פונ'ם רב אז זיי ווילן ממשיך זיין גלות גייען. דער "מגלה עמוקות" האט געזאגט דאס זיי זענען שוין גענוג אפגעקומען און כדי זיי בארוהיגן האט ער זיי ארויס געגעבן א כתב אז דער בי"ד של מעלה זאהל פסק'ענען ווי דער בי"ד של מטה. דער וועלכער איז פריהער נתעורר געווארן צו תשובה האט באקומען דעם כתב. נאך א געוויסע תקופה האט דער אנדערער געהאלטן ביים אוועק גיין פון דעם עולם און נאך גרויס געוויין פאר אימת יום הדין האט דער "מגלה עמוקות" געהייסן דעם שותף געבן דעם כתב פאר דעם וואס האלט ביים איבער גיין אויפן עולם האמת און דערפאר זאל ער נאך זיין פטירה דערצעהלן אין חלום פאר'ן חבר די השתלשלות העניינים פון יציאת הנשמה ביז צום קיום הפסק פונ'ם בי"ד של מעלה. נאך די פטירה האט דער לעבעדיגער שותף געווארט די גאנצע שלושים טעג אויף דעם חלום און נאך אלץ האט דער חבר זיך נישט בעוויזן צו איהם.

די נאכט וואס נאך די שלושים האט ער זיך צו איהם באוויזן און איהם פארגעשטעלט אלעס וואס מיט איהם האט זיך אפגעטאהן זייט די יציאת נשמה. מאסן מלאכי חבלה האבן איהם געוואלט צוכאפן און לייט זעליגע מלאכים האבן אויף איהם געהיטן ביז צום משפט זיינעם. ער

**האט אויך פאהרגעשטעלט דעם גאנצן אויסזעהן פון דעם עולם העליון און פון משפט וועלכע אלע נשמות דארפן מיט מאכן. ער האט איהם דערציילט ווי אויף אלע מעשים פון יעדן באשעפעניש איז דא כל מיני עדות, לעבעדיגע ברואים, דוממים און די באלקינס פון שטוב. אויך האט ער איהם איבערגעבן די אלע מיני אורטהיילן, גיהנום, שאול תחתית, כף הקלע, גלגולים אין פארשיעדענע לעבעדיגע באשעפענישן, רח"ל.** און יעצט לייענט ווייטער.

## מידה טובה מרובה

ווען סיטרעפט זיך און א נשמה קומט דארט ריין פון עבירות, ריין און ציכטיג אהן קיין מינדעסטן שפרענקעלע, ווייס ווי שניי אהן דעם מינדעסטן פלעק, דאן גוהט ארויס דער פסק "זכאי בדין", די שמחה דעמאלט איז גאר נישט צו פארשטעלן, סיווערט מיט שמחה אויס גערופן: פלוני בן פלוני איז ארויס זכאי בדין, אשרי לו, אשרי יולדתו, אשרי רבותיו. די מלאכי מעלה שטעהן אין ווייסן און מיט געוואלדיגע פרייד און א שירה'דיגן קול הערט זיך דער געזאנג פון "אשריך וטוב לך". כתות ווייסע לייטזעליגע מלאכים גוהן פאראויס און מיט הימלישע שמחה און געזאנג ווערט פייערליך געזונגען פון איין כיתה "פנו דרך, ישרו מסילה, כי צדיק בא!" א אנדערע כיתה רופט אויס: "אמרו לצדיק טוב, כי פרי מעלליו יאכלו"! און אזוי נאך נאך לאין שיעור. מיט א געוואלדיגן כבוד און פאראד ווערט דער צדיק געפיהרט. אנטקעגן איהם קומען ארויס זיינע אבות און אבות אבותיו, זיינע רביים צו מקבל פנים זיין די ניי געקומענע נשמה. סיאיז נישט צו פארשטעלן די שמחה אין די אלע עולמות, די זוהן, די לבנה, די שטערין אלע בעלויכטן דעם וועג אלעס טראגט זיך פרעהליך און מוזיקאליש, מיריהמט און מיגיט אפף כבוד התורה. אבער א זעלכע ערשיינונגען איז זעהר זעלטן, דען מעהרסטענטהייל גייען ארויס די נשמות חייבות בדין וואוי לה לאותה בושה וואוי לה לאותה כלימה.

די אלע אבות פון די נשמה, רביים, אלע זענען פארשעמט, מישרייט איהם נאך, רשע! פושע־ישראל! ווי האסטו זיך געוואגט צו עובר זיין דעם רצון פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה! דו האסט בעקומען א לויטערע ריינע נשמה און דו האסט איהר אזוי איינגעריכט און פערשמוצט מיט דיינע עבירות, וועלכע זענען געווען פשוטי'ע נידעריגע תאוות, צייט־ווייליגע און נישטיגע. דו האסט א הייליגע נשמה מטמא געווען און פאראור־מרייניגט, אוי לך! וואוי לנפשך! מיט גארנישט האסטו פערלוירן די אמת'דיגע נצחיות'דיגע תענוגים וועלכע זענען מיליאן־פאכיגע מעהר. נאך די דאזיגע געשרייען פליהען אונטער די כיתות מלאכי חבלה, שווארצע רוחות רעות וואס זייער אויסזעהן אליין איז גענוג צוווארפן א פחד, א שרעק און א מורא. מיט א צארן גיבן זיי איהם א כאפ אוועק פונים בית־דין של מעלה טיש מיט גרויס אכזריות און פיהרן איהם אוועק אין גיהינום אריין אדער אין ערגעץ וואו א ענדלאזע וויסטעניש א.ד.ג. לויט דעם אורטייל.

איך — האט דער פארשטארבענער שותף ווייטער ממשיך געווען און דערצעהלט — בין זיך געשטאנען פאר רוקט און פאר קוועטשט אין א ווינקעלע גלייך ווי כיהאב געוואלט מיזאהל מיר גאר־נישט באמערקן און נישט זיך ארויס־זעהן. פון גרויס פחד האב איך זיך געצאפלט, סיאיז מיר שווער און שרעק־ליך ביטער געווען אויפין הארצין, גלייך ווי אהנגעזאלצן אויף די פרישע וואונדן.

כיהאט בייזיך געטראכט: מי יודע! וואס פאר א פינסטערער און ביטערער שיקזאל סיערווארטעט מיר! איז דאס דען עפעס א קלייניקייט וואס כיהאב געזינדיגט און מחטיא געווען את הרבים צעהנדליגער יאהרן! מיט די אלע רעזול־טאטן וועלכע דאס האט נאך צוגעבר־ענגט. כיהאב אין דער האנט פעסט געדריקט דעם כתב פון אונזער הייליגן רב, דער "מגלה עמוקות", אין וועלכע

כ'האב נאך געזעהן מיין איינאיינציגע רעטונג.

איין נשמה נאך די אנדערע איז אלץ אפגעפערטיגט געווארן מיט איהר משפט, פון זיי איז געווען אזעלכע וואס זענען ארויס מיט א מעהר הארבער'ן אורטהייל און אנדערע לייכטער און מילדער, איינגאנצן אומשולדיג איז קיינער פאר מיר נישט געווען. און אט דא דערנענטערט זיך שוין צו מיר און אט הער איך שוין ווי מ'רופט אויס מיין נאמען מיט מיין פאטערס נאמען. די פיר לייטזעליגע מלאכים וועלכע זענען אלץ געשטאנען נעבן מיר האבן מיר לייכט און איידל צוגעפיהרט צום בית־דין טיש. דא האט זיך מיט א מאהל דערהערט א נורא ואיום'דיגער געשריי ווען מ'האט דעם ספר הזכרונות געעפנט — ווער האט א הער געברענגט אט דעם שרעקליכן רשע!! אלע פייערן פון גיהינום און אלע יסורי שאול תחתית און עולם התוהו והאבדון וועלן דאך פאר איהם זיין צו ווייניג!!! פון פחד בין איך פארגליווערט געווארן, אבער דא האבן מיר מיינע היטערס, די מלאכים, מיט זייערע פליגלען א גלעט געגעבן, כ'בין דערמונטערט געווארן פון מיין פערגליווערטקייט און כ'האב דאן דערלאנגט דעם כתב פון

דא האט זיך דערהערט א טויבענשרייענדער קול פון מלאכי־חבלה און די משחיתים וועלכע זענען באשאפן געווארן פון די חטאים: וואס פאר א מין רייד איז דאס פון דעם "מגלה עמוקות" וועלכער געפינט זיך אין דעם ערדישן עולם וועלכער קומט דעות זאגן און גוזר זיין אויף דעם בית־דין של מעלה!! ער האט נישט דאס רעכט צו אונז באפוילן מיר זאהלן פריי לאזן דעם חוטא ומחטיא את הרבים מיט א זעלכע געפערליכע איסורים ווי איסורי כרת רח"ל צעהנדליגער יאהר, פאר טויזענטער אידן.

דערויף האט א גרופע מלאכי רחמים — מליצי יושר זיך אנגערופן מיט גרויס התלהבות: וואס ווילט איהר נאך פון די אויסגעמוטשעטע און צופייניגטע נשמה!! וועלכע האט מרצונה הטוב רעכט תשובה געטאהן, אהנגענומען די אלע שווערסטע ליידן און אפקומענישן, גלות, הונגער, קעלט, יסורים מיט בזיונות, אוועק געווארפן דאס גאנצע עשירות, נאכדעם וואס זי איז סך הכל געווען אין א בחינה פון א שוגג וואס איז אומשולדיג, דאס אלעס געטאהן נאר צוליעב די עם־הארצות, און טראץ דעם אהנגענומען מיט ליעב פיעל יאהרן קערפערליכע און מאראלישע ליידן לאין שיעור.

לאמיר זעהן, ווען איהר מלאכים, מ'וואלט אייך געווען מלביש געווען מיט מענטשליכע קערפערס און אראפ געשיקט אין דעם אונטערשטן עולם צו וואלט איהר בכוח געווען דאס אלע צו מיט מאכן!! איהר וואלט דאס בעשטימט נישט געווען געקענט אריבערטראגן! איהר וואלט געוויס געווען צובראכן געווארן און נישט געקענט בשום אופן אויסהאלטן אזוי א שווערן סדר תשובה! א צונד ווילט איהר נאך אזוי א נשמה ווארפן אין שאול תחתית אריין!! מיר האבן א פסק פון בית־דין הגדול פון בית־דין של מטה, אין שפיץ פון דעם גאון וצדיק הדור דער הייליגער "מגלה עמוקות", וועלכער האט פאר די נשמה פארזיכערט בעל־פה און אויך בכתב, אז מיט דעם אויסהאלטן דעם דאזיגן סדר התשובה ווערט זי ריין און געלייטערט פון אלע איהרע חטאים, עוונות און פשעים, ממילא אצונד איז זי גרעסער ווי א צדיק גמור אלס ריכטיגער און עכטער בעל תשובה, ווי ערלויבט איהר אייך איהם נאך צורופן רשע!!

אבער די מלאכי־דין זענען נאך אלץ נישט שטיל געבליבן, די אלע משטינים און מקטריגים האבן צוריק געשריגן מיט שרעקליכן צארן: זעהט נאר וואס די נשמה האט אלץ אנגעמאכט! און ווי נאר זיי האבן די ווערטער ארויס גערעדט, זענען געקומען צו פליהען אלפים און רבבות נשמות מיט יאמערליכע געוויינער און טויבן שרייענדע געשרייען: מיר זענען געשטארבן דורך זיינע עבירות! ס'האט זיך געטאהן א קלאגעריי פון אלע זייטן. די נשמה האט



געשריגן: כיבין יונגערהייט פון דער וועלט געגאנגען ווען זיין מאכיל זיין דברי איסור. דא האט א גרופע קינדער — תינוקות של בית רבן געקלאגט, מיר האבן געקענט אויסוואקסן גדולים בישראל און זיינע חֵלב, טריפות און נבי־לות האט אונז מטמטם געווען די הערצער און פארשטאפט אונדזערע מוחות, דא האבן זייגענדיגע קינדער געקומען מיט א קלינגערנדיגן שרייענדן קול, צדיקים און גדולים בתורה האבן מיר דאך געקענט אויס וואקסן און ווען די נשמה זענען מיר אוועק אזוי יונג ללא טעם חטא. דא האט זיך אויך דערהערט א פרויען יאמער קול — מיר זענען יונגע ווייבלעך, בקדושה וטהרה האבן מיר געבוירן קינדער און געהאפט זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים און צוליעב זיינע זינד זענען זיי פארשניטן געווארן פאר די צייט. אונטער זיי האט זיך געהערט א יאמערינדיגן קול פון די יתומים׳לאך גאנץ קליינע עופה׳לאך, שטיינער האבן געקענט צוגיין פון דעם געוויין, זיי האבן געקלאגט וויפיעל האט

דאס אונדז געשטערט אין רוחניות מיט דעם וואס מיר זענען געבליעבן אהן א מאמע וואס זאהל אונדז באזארגן מיט די נויטיגע געברויכן. א זעלכע פארשיע־דענע קולות האבן זיך ארומגעטראגן לאין סוף, פון יונגע עופה׳לאך ביז אלטע ליידענדע, וואס זענען געטראפן געווארן פון אונדזערע זינד. יעדערער האט פארג־עשטעלט זיין ספעציעלן ליידן פון די אונ־טערשטע וועלט און אויך וואס מיו־אט פאר איהם צושטערט די אויבע־שטע וועלט.

**פארזעצונג אין די קומענדיגע וואך**

# דער תיקון פאַר'ן חטא פון מכשיל זיין טויזענטער אידן מיט נבילות און טריפות

דורך דעם הייליגן בעל "מגלה עמוקות" הגאון הק' המקובל רבי נתן נטע שאפירא זצוק"ל אב"ד קראקא

פון אריה ליפשיץ

## א היסטאָרישע פּאַסירונג

ווי נאר ס'האט זיך געענדיגט די רייע פון די טויזנטער און צעהנדליגע טויזנ־טער מענטשן, יעדער מיט זיין אנקלאגע וועלכע האבן געלארעמט און געזאגט, אויב דער בית־דין איז זיי מוחל אדער זיי זענען דערויף נישט מוחל. כ'האב שוין געמיינט דאס ס'איז שוין פערטיג — אבער באלד דערנאך האבן אהנגעהויבן צו קומען סטאדעס פון רינדער און שאף וועלכע האבן מורא'דיג געברומט און געמעקעט און פארפירט ביים בית־דין של מעלה: מיר זענען געווען גלגולים יאהרן לאנג און שוין געווארט צו בעקומען אונזער תיקון נאכדעם ווי מיר וועלן אריין קומען אין אידישע הענט, מ'וועט אונז עסן לכבוד שבת קודש און מ'וועט מאכן א ברכה און צום סוף האט מען אונדז נישט געקוילעט כדת וכדין, מ'האט נישט מנקר געווען פון אונדז דאס חלב. דער פושע ישראל האט דאס אלעס מקלקל געווען, נישט געשאכטן כדין און נישט מנקר געווען, דעריבער געפינען מיר זיך ווייטער אין דעם עולם התוהו און זענען נישט צוגעקומען צו א תיקון אויף וועלכן מיר ווארטן שוין אזוי לאנג.

דער פארשטארבענער שותף האט ווייטער דערצעהלט: כ'בין געשטאנען ווי אפגעשטומט אָן לשון, כ'האב נישט געט־ראפן קיין איינציג ווארט וואס צוריק אפצוענטפערן, דען די אלע טענות זענען דאך טאקע אמת'דיג געווען — אבער דא האט מיין סניגור — דער מליץ יושר דערזעהן ווי די לאגע איז נישט אמב־עסטן האט ער מיר זיך גענומען דעם כתב פון אונזער רב און צו מיר געזאגט:

ווארט דאָ אויף מיר און האב נישט קיין מורא, אין אויגן בליק איז ער געפלויגן אין די העכסטע עולמות און זיך געזוימט, נאר א קורצע ווייל. ער האט מיט זיך מיט געברענגט א גאנצע מחנה פון ווייסע מלאכים — מליצי יושר פון די גאָר הויכע עולמות וועלכע האבן מיר גענומען צו פארטיידיגן:

האט דען די נשמה זיך וועהניג אנגעפ־איינגט און אויס געמוטשעט אויף די אונ־טערשטע וועלט, אָפּגעקומען מיט כל מיני יסורים, בושות און עינויים. מיר ווייסן דאך אז דאס אלעס איז געווען מיט דעם אנווייזונג פון דעם צדיק הדור דער בעל "מגלה עמוקות" וועלכער איז אנגענומען בעליונים ובתחתונים און ס'איז "הלכה כמותו בכל מקום". אויב ער האט אויס געהאלטן דעם גאנצן סדר תשובה ווי דער גאון וצדיק האט איהם פארגעשריעבן און געגעבן א פסק בית־דין של מטה, האט די נשמה יעצט דעם דין פון "כיון שלקה הרי הוא כאחיך", ער איז שוין אפגעקומען אויף די אלע חטאים עוונות און פשעים, מ'קען איהם שוין מער נישט מעניש זיין דערפאר ווייל ס'קומט איהם שוין נישט קיין שום עונש במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדי־קים גמורים יכולים לעמוד!

ס'האט זיך דעמאלט אפגעטאהן א גאנצע שקלא וטריא ביים בית דין של מעלה וואו מ'האט דעם גאנצן ענין גוט פארהאנדעלט. ענדליך איז דער פסק דין געווען ווי פאלגענד:

**או כשם שזיכו בבית דין של מטה און שפיץ פונ'ם "מגלה עמוקות"**

**זצוק"ל כן זכאי הוא בבית דין של מעלה.**

**דער בעל תשובה איז ריין מכל חטא ועוון ופשע און האט א דין כקטן שנולד דמי.**

**ב) די אלע נשמות וועלכע זענען צוליעב דעם מאכיל זיין די טריפות און נבילות מיט די חֵלב יונגערהייט פארש־ניטן געווארן פון די אונטערשטע וועלט, אויך די אלע נשמות וועלכע זענען געווען מגולגל אין די בהמות וועלכע איך האב געהארגעט און דערמיט זיי געמאכט פארלירן ביידע וועלטן זיי אלע באקומען אצונד זייער פוהלן תיקון און די שערי גן־עדן ווען פאר זיי געעפנט ווערן.**

ווי נאר דער פסק־דין איז פאר עפענט־ליכט געווארן דורכ'ן בית דין של מטה זענען באלד געקומען צו פליהען מאסן מאסן מיט גאנצע מחנות פון מלאכים, דאס זענען געווען די מלאכים וועלכע זענען באשאפן געווארן דורך די מצוות פון די אלע נשמות וועלכע האבן [illegible] אצונד נישט בעקומען זייער תיקון און האבן נישט געקענט צוקומען צו זייער ריכטיגער רוה. אצונד זענען די אלע מלאכים צו געפלויגן יעדערער צו זיין "בעל הבית" דורך וועלכ'ן ער איז באַוואָפן [illegible] יעדער [illegible] געוונען איהר נישט [illegible] פאַראַד געפיהרט אין גן־עדן אריין, יעדער נשמה צו איהר ריכטיגן היכל וואס איז איהר געקומען לויט די מצוות און מעשים טובים, און געוועהנטליך אויך לויט די מדריגה ווי מ'האט די מצוות או מעשים טובים געטאהן, צו בשלימות, צו ס'איז לייכט אהנגעקומען, צו ס'איז דערביי געווען אויך נסיונות און נאך און נאך פיעלע חשבונות, וואס קיין האַר איז נישט פערפאלן געווארן. טהייל נשמות האבן גענומען לייכטן מיט אזוי א ליכט וואס אויפ'ן אונטערשטע וועלט קען מען דאס איבערהויפט נישט בעגרייפן. פאר יעדער נשמה איז צוגע־טהיילט געווארן א כבוד וועלכעס אויף דער ערד איז גארנישט דא דאס גלייכן.

# אויפ'ן וועג צום היכל התשובה

ווען מ'איז שוין מיט אלע דערמאנטע נשמות אפגעפערטיגט געווארן, האט מען זיך גענומען צו מיר. מ'האט מיך ארויפג־עשטעלט אויף א הויך ארט און ארום מיר זענען געווען אהן א שיעור מלאכים, פון אלע האט זיך דערטראגן א שירה־דיגן קול מיט אזוי א מין נעימות וואס אפילו די הערליכסטע אויף דעם ערד'ישן עולם איז גאר נישט קיין גלייכן צו זיי, אלע האבן מיט גרויס פאראד אויס גערופן: **פלוני בן פלוני יצא זכאי בדין!**

דאן האן זיך געעפנט אין די הימלען כל מיני היכלות. ס'איז מיר אנטפלעקט געווארן א געוואלדיגע הערליכע פרעכ־טיגקייט וואס אפילו אין בעסטן דמיון קען זיך דאס קיין מענטש נישט פארש־טעלן, מ'איז איבערהויפט נישט בעש־טאנד דאס צו בעגרייפן. ארום אין ארום האבן זיך אלץ ארום געטראגן מלאכים געזאנגען **"זכאי הוא"! "בעל תשובה גמור הוא"!**

די שמחה אין אלע היכלות איז אומג־עהויער גרויס געווען. ארום מיר האט זיך אויסגעשפרייט א געוואלדיגע ליכטיג־קייט אז די זון אין דעם שעהנסטן לוי־טערן טאג איז ווי טונקעל קעגן דעם. ס'האבן געהאלטן אין איין שטראמען כיתות מלאכים און צדיקים פון גן עדן וועלכע זענען געקומען מיר צו מקבל פנים זיין, אלס זייער נייער שכן. אלע זענען געווען בעקרוינט מיט קרוינען וועלכע זענען געווען בעזעצט מיט די שעהנסטע און טייערסטע עדל שטיינער, פון וועלכע ס'האט געשטראלט א וואונד־ערפוהלע ליכטיגקייט פון כל מיני פארבן.

גלייך זענען געקומען צו פליהען זעקס פייערדיגע מלאכים, טראגענדיג מיט זיך א פרעכטיגע חופה וועלכע איז געווען אויסגעשפרייט איבער שטאנגען פון טענ־ענהאלץ, מיט א כפורת פון לויטער גינ־גאלד, און אין מיטן האבן געבלישצעט די ווערטער: "כי להי המלוכה". אונטער זיי

זענען נאכגעגאנגען א קאפעליע משור־רים או מוזיקאנטן. מען האט מיר ארונ־טערגעשטעלט אונטער די חופה און די מוזיקאנטן האבן אנגעהויבן צו שפילן און די משוררים האבן געזונגען מיט א געוואלדיגע מתיקות, דעם הערליכן תענוג דערפון איז גאר נישט מעגליך צו שילדערן מיט קיין ווערטער. א לעבע־דיגער מענטש וואלט דאס נישט געקענט אריבערטראגן דען ער וואהלט אויסגע־גאנגען פון די מתיקות עד כלות הנפש. אזוי האט מען מיר געפירט מיט גרויס פאראד ביז צו מיין ארט אין גן־עדן.

דער פארשטארבענער שותף האט ווייטער ממשיך געווען צו דערצעהלן פאר זיין חבר, ווי אזוי מ׳האט איהם שוין אריינגעפירט אין גן־עדן, דעם אויסער געוועהנטליכן כבוד וועלכן מ׳האט איהם צוגעטהיילט, א כבוד, וואס א בשר ודם ביים לעבן ווען אפילו ער זאהל קענען צו קומען צו דער העכ־סטער מדריגה פון כבוד און גרויסקייט, גליק און נחת רוח און אלעס וואס ער קען זיך נאר פארשטעלן אין דער פאנ־טאזיע, איז דאס נאך נישט אפילו דאס מינדעסטע דערפון, ווי דאס וואס ער האט באקומען אין גן־עדן און דורך וועמען ער האט דאס באקומען און ווער ס׳האט איהם דאס צוגעטהיילט! ליטער דורות פון צדיקים מיט ליכטיגע און שטראלענדיגע געזיכטער מיט זעלטן שעהנע און רייכע קרוינען אויף די קעפ און דאס גלייכן פון הימלישע מלאכים. צווי פון די חשוב׳סטע זקנים זענען מיר אנטקעגן געקומען מיט א הערליך שעהנע און פרעכטיגע קרוין, אויף וועלכע ס׳האט ארויס געלויכטן די ווערטער ״בעל תשובה גמור״ און איז געפלאסטער געווען מיט לויטערע שעהרע און לייכט־ענדע אבנים טובות. די דאזיגע קרוין האט מען מיר אהנגעטאהן אויף מיין קאפ — האט ער ווייטער דערצעהלט — און מיט א אומגעהויער שעהנעם פאראד האבן מיך אלע אינאיינעם באגלייט צום ריטונג פון דעם היכל פאר בעלי תשובה.

די פראכט די שעהנקייט פון דעם היכל איז נאך פיעל מעהר שעהנער ווי די פריערדיגע, פיעל פאכיג מעהר. אלע צדי־קים וועלכע האבן מיך באגלייט ביז אהין, האבן מיט גרויס פרייד אוסגע־רופן: **אשריך שזכית לכך!**

דער פארשטארבענער שותף האט יעצט אנגיזאגט צו זיין חבר: ווער נישט חלילה מיד מיט דיין פארמוטשעטן לעבנס פיהרונג אלס בעל תשובה! ס׳זאהל דיר נישט עולה על הדעת זיין אויף קיין אויגענבליק קיין חרטה געפיהל וועגן די ערליכע פיהרונג, געדענק! ס׳איז פיעל פאכיג בעסער די ערגסטע ליידן און יסורי איוב אפילו דעם גאנצן לעבן, ווי איידער דאס מינד־עסטע פון די יסורי הגיהנם אויף דעם הימלישן עולם, דאס ערדישע לעבן לויפט דורך כצל עובר און ס׳איז פארגע־גליך, אבער דאגעגן איז די הימלישע וועלט א נצח נצחים און איז נישט באג־רעניצט מיט קיין צייט.

כאטש כ׳בין זיכער דאס דער הייליגער רב דער ״מגלה עמוקות״ ווייס פון אלעס, דאך געה און דערצעהל איהם אלעס וואס כ׳האב פאר דיר דערצעהלט, און אויב ער וועט האלטן פאר וויכטיג אונ־דזער לעבינס געשיכטע פארעפענטליכן און דאס מפרסם זיין פאר די וועלט און אויך פאר די קומענדיגע דורות, כדי ס׳זאהל זיין לערהאפטיג, מ׳זאהל וויסן זיך ארויס לערנען א מוסר השכל פון די אלע געשעהנישן און פון די אורזאכן וועלכע האבן דאס צוגעברענגט, וועט דאס געוויס אויך זיין פאר אונדז א נחת רוח.

## צום שלוס

מיט גרויס שפאנונג האבן אונזערע טויזענטע לייענערס געלייענט די היסטר־אישע פאסירונג אין וועלכע ס׳שפיגעלט זיך אפ א מורא׳דיגע געשעהניש וואס קען אונדז פיעל לערנען, הן דעם כלל און הן יעדער איינציגער פרט. דעם מוסר השכל וועלכן מ׳דארף ארויס לערנען פון

די אלע פרטים, פון אנפאנג די פאסירונג ביז צום שלוס, איז, ווי מ'ברויך זיך אומקוקן אויף עלנדע קינדער. אויך ווען זיי טרעפן שוין א מקום מנוחה, צו באגייט מען זיך מיט זיי אין אָרדענונג, צו באקומען זיי די ריכטיגע ערציהונג? א.ז.וו. ווי די הייליגע חז״ל וואָרענען אונדז: ״הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה״. דאס ווייזט אז פון די דאזיגע שיכטן קענען אויסשטייגן גדולי תורה און מיטאָר דאס נישט פערפאַסן. אויך קען מען זעהן אז אַדאַנק זייערע כשר'ע הערצער און אמונה פשוטה, האבן זיי מיט מסירות נפש ממש זיך אומגעקערט בתשובה שלימה, נאכדעם ווי זיי האבן נאר געהערט די הארבקייט פון די עבירות.

ליידער היינטיגע צייטן איז צו אונדזער גרויס בעדויערונג אנדערש, נאכדעם ווי די אלע מעגליכקייטן צו היטן אויף די ריינקייט פון דעם אידישן טיש און דער כשרות פראָבלעם קען געלייזט ווערן פיעל לייכטער ווי אין יענע יאהרן, טרעפט זיך נאך היינט א זעלכע מכשולים וואס הערנדיג שטעלן זיך די האָר און די נעגעל קאפויער. דאס איז נאך נישט גענוג בעוה״ר, נאר טראצדעם וואס די זאך איז שוין גוט בעקאנט פאר טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער אידן. דאך שטייען דערקעגן א הייפעלע פון די אינטרעסאנטן וועלכע האבן יאהרן לאנג גאָלד געשארט און זיך פון די מאכלות אסורות ערווארבן פאנטאסטישע קאפיטאלן שטייען זיי נאך אין גרויסן מיט א מצח נחושה און ווילן נישט מודה זיין על האמת, נאר שיטן זאַלץ אין די אויגן פון חרד'יישן ציבור און ווילן מטהר זיין את השרץ — נישט מיט קיין טעמים נאר מיט איינעם... אני ואפסי עוד!...

ביי דעם געלעגנהייט איז כדאי צו שילדערן פאר דעם חרדיישן ציבור אין אמעריקע, אויך פאר די אלע טויזענטער וועלכע קומען אין פארשיעדענע פאַלן קיין אמעריקע, דעם מצב הכשרות ווי אזוי ס'איז נאָכגעלאָזן, דורך דעם וועלן זיי וויסן ווי זיך צו אָפּהיטן, נישט צו נכשל ווערן ח״ו אין מאכלי איסור. מיר וועלן דעריבער אנפאנגען מיט א סעריע באשרייבונגען אויף די כשרות טראגעדיע פון אמעריקע אין די לעטצע הונדערט יאהר אומגעפער. מיר האפן אז די ריכטיגע יראי ה' וועלכע ווילן עסן א כשר'ן ביסן וועלן זיך ערוועקן צו מתקן זיין די געפערליכע קלקולים וועלכע זענען פארבונדן, נישט נאר מיט איסורי טריפות ונבילות וואס איז איסור פון א לאַו נאָר אויך מיט דעם פראָבלעם פון ניקור וואס איז א איסור פון ״כרת״ רח״ל.